Nr. 19. **Jüdische Volks-Zeitung** ערשטער יאהרגאנג.

יודישע
פאלקס־צייטונג
אַ וואכען־בלאט פיר אלע יודישע אינטערעסען.

רעדאקטארען:

פיר בעלעטריסטיק און פראווינץ־אבטהיילונג: **מ. ספעקטאר.**

פיר פובליציסטיק און וויסענשאפט: **ד״ר ח. ד. הורוויץ.**

פערלאג „פאלקס־בילדונג".

אבאנאמענטס־פרייז פיר רוססלאנד:
יעהרליך 4 רובל, האלב־יעהרליך 2 רובל, פירטעל־יעהרליך 1 רובל.
צוזאמען מיט דער „יודישע פראוינצוועלט" נור 5 רובל יעהרליך, האלב־יעהרליך 2.50 רובל, פירטעל־יעהרליך 1.25 רובל.
איינצעלנע נומערן 10 קאפ. 20 העללער.
ענדערן דיא אדרעסע קאסט 20 קאפ. 40 העללער.
פרייז פיר מודעות (אנצייגען):
פיר יעדער קליינע שורה פעטיט 15 קאפ. 30 העללער, 40 פפעניג.
אויף די ערשטע זייטע פאר דעם טעקסט 30 קאפ. 60 העללער, 80 פפעניג.
די אדרעססע פיר רוסלאנד:
Издательство „Тушія" Варшава для „ФОЛКСБИЛДУНГЪ":
מינדליך: נאוואליפקי 7, וואהנונג 9.

אבאנאמענטס־פרייז:
עסטרייך־אונגארן: יעהרליך 10 קראנען,
האלב־יעהרליך . . . . 5 „
פירטעל־יעהרליך . . . . 2.50 „
דייטשלאנד: יעהרליך . . . 9 מארק.
אמעריקא, ענגלאנד יעהר. 8 שילינג 8 פענס.
אנדערע לענדער: יעהרליך 11 פראנק.
צוזאמען מיט דער „יודישע פראוינצוועלט":
יעהרליך 12.50 קראנען; 11.20 מארק; 11 שילינג; 14 פראנק. האלב־יעהרליך און פירטעל־יעהרליך לויט דיזע רעכנונג.
די אדרעססע פיר עסטרייך־אונגארן און אנדערע לענדער:
Administration
„Jüdische Volks-Zeitung"
Krakau, Krakauergasse 12.

Krakau, 5 November 1902. Nr. 19. קראקוי, ה׳ מרחשון, תרס״ג.

אינהאלט: דער ציוניזם און די עקאנאמישע פראגע; ד״ר ח. ד. הורוויץ. — פון אדעסער קאמיטעט. — פאליטישע נייעס. — וועלט נייעס. — יודישע נייעס. — ראובן אשר בראודעס; ש—ג. — בריעף פון וועג; שלום־עליכם. — קארעספאנדענציעס: קראקא; א.— לאנדאן; בן־אדם. — די חברה „אחיעזר" אין ווארשא; עזריאל. — דער בוים (ערצעהלונג); אברהם רייזען. — רודאלף ווירחאוו; ד״ר מעד. ט. הינדעס. — פראקטישע ידיעות: אייער קאנסערווירען; ב. קאנטראוויטש. — א בריעף אין רעדאקציע; ד״ר חיים דוב הורוויץ. — בריעף־קאסטען פון די רעדאקציאן. — מודעות.

פעליעטאן: פעקליך; שלום־עליכם.

געזעלשאפט [illegible]
[illegible]

[illegible] עמפפעהלען א נייעס
סארט
קעלנישע וואססער

„אזאן"

א איינציג מיטעל צו אויספרישען די לופט, צייכענט זיך אוים מיט זעהר אנגענעהמען ריח.

פרייז פון איין פלאקאן

1.25 רובל און אויך פיר **75** קאפ.

מען קען בעקומען אין ווארשא אין איינענעם מאגאזין וויערזבאווא נאם נומער 7, אויך אין גרעסערע פערפום־האנדלען און אפטייק־סקלאדען.

2—2

דער ציוניזם און די עקאנאמישע פראגען.

(די רעדע פון ד״ר ח. ד. הורוויץ אויף דער מינסקער אסיפה).

(ענדע).

ד.

וואס טהוט מען איצט?

פון דעם, וואס מיר האבען ביז איצט געזאגט, קען מען קלאר זעהען, אז די אויספיהרונג פון אונזער ציוניסטישען אידעאל פאדערט פאראוים די פערבעסערונג פון דער יודישער עקאנאמישער לאגע. כל זמן די יודען וועלען טעהר און [illegible] זינקען אין דעם אבגרונד פון ארעמקייט, כל זמן דער רצון פון יעדעם איינציגען יודען וועט זיין צעבראכען און אבגעשוואכט דורך זיין שרעקליכע ארעמקייט און [illegible] יודישע פאלק נישט זיין ביכלת [illegible]
[illegible] צוריק בעזע[illegible]ען דאס יודישע פאלק אויף יודישען באדען, ווייל עס וועט פשוט פעהלען די נייטיגע מיטלען דאצו.

ווילען מיר, אז דאס יודישע פאלק זאל דערגרייכען זיין אידעאל שפעטער, אין אווייטערער צייט, אזוי מוזען מיר זארגען פאר דעם פאלק שוין איצט און פארבעסערן די יודען הן אין חומר, הן אין רוח, צו זייער ערלעזונג. מיט אנדערע ווערטער, מיר דארפען זיך בעמיהען אויסצובעסערען די לאגע פון די יודען שוין איצט, כדי זיי זאלען טאקע ווערען שטארקער און געזונדער, אזוי שטארק, אז עס זאל זיי זיין מעגליך צוקומען צו זייער אמת׳ער גאולה אין יודישען לאנד.

איך ווייס זעהר גוט, אז אט דער געדאנק וועט אסך יודען אבשרעקען פון ציוניזם. וואס הייסט דאס — וועלען זיי זיך קלערען מיט א פחד:— שוין איצט נעהמען זיך צו דער ארבייט? איז דען נישט גענוג, אז מען צאהלט א שקל און מען קויפט איין אקציע? און וואס קען טהון א פשוט׳ער יוד? קיין געלד האט ער נישט, און מיט׳ן סולטאן קען ער אויך נישט רעדען,— וואס זשע פארט זאל ער טהון? און גלאט, פאר וואס זשע צאהלט דער יוד געלד, אז נים דער פאר, וואס זיינע קליגסטע מענשען, זיינע געלעהרענטע און דיפלאמאטען, ווי למשל ד״ר הערצל, זאלען זיך טאקי עוסק זיין מיט דעם ציוניזם, אבקויפען טאקי ארץ ישראל, צו גרייטען אלץ פאר דעם יודישען פאלק, וואס וועט קומען דער נאך און בעזעצען זיך דארט, ווי מען פערלאנגט פון זיי.

עס וועלען זיך אויך געפינען יודען — פארשטעהען — וואס [illegible]
[illegible] הזה פון [illegible]
[illegible] יוד דארף [illegible] בעפרייען זיך פון ארעמקייט [illegible]. איידער ער געהט נאך אוועק צוריק אין זיין אייגען לאנד. וואס הייסט? וועלען וויצלען אזוינע יודען: — איהר ווילט אז דער יודישער ארעמאן זאל קיין ארעמאן נישט זיין — געוויס איז דאס זעהר רעכט: יעדער ארעמאן וויל אודאי פטור ווערען פון זיין ארעמקייט, אבער וואס טהוט מען. אז די ארעמקייט הייגגט איהם פארט ווי אפעקיל אויפ׳ן האלז און לאזט איהם א מינוט נישט פריי. א קונץ צו זאגען איין ארעמען מענשען: ווער א נגיד! מיר וואלטען אבער וועלען זעהען, וואסער מכשף קען מאכען אזא פאקוס, אפילו ער זאל זיין קליגער פאר פרעה׳ס שטערען־זעהער.

איך ווייס, חכמה׳ן זיך איז אגרינגע מעשה, אבער נוצען וועט דער־פון קיינער נישט האבען. ווייל מען אבער ערנסט און אהן קונצען

פעליעטאן.

פעקלעך

פון

שלום־עליכם.

פעקיל נומער דריי

א נשרף.

— אונזערע יודען, הערט איהר, ס׳איז דאך נים שייך צו זאגען, נאט זאל נים שטראפען פאר די רייד — ס׳איז איין עמא פזיזא, וואס איז די טייטש? מיט א יודען איז נאר גוט קוגעל עסען, דאווענען פון איין סדור, און ליגען אויף איין בית הקברות, און א רוח אין זיי אין טאטען, און נאר נים!...

איהר פרעגט, וואס בין איך אזוי אנגעדרודעלט און וואס ליאפע איך אזוי אויף יודען? איהר זאלט האבען אויף זיך מיין פעקיל און יודען זאלען אייך אזוי טהון ווי מע טהוט מיר, וואלט איהר אנגע־חאפט מענטשען אין די נאסען, אדער איהר וואלט געשלאגען מיט א שטעקען! נאר נאר נים, איך בין אזא יוד וואס קאטארי איך האב פינט קריגען זיך מיט א וועלט; איך גיה תמיד מיט דעם גאנג: לאז מיינס איבערגעהן, אדער ווי שטעהט דארט: עולם כמנהגו — וואס איז די טייטש? — לאז זיך מיט זיי נאט רעכענען, און א רוח אין זיי אין טאטען, און נאר נים!...

הערט א מעשה: איך בין אליין נישט פאר אייך געראכט א באהסלעווער, פון א קליין שטעדטיל פון באהסלעוו, א קליינס נאר א וואהלס, פון די שטעדטלעך וואס מע זאגט אויף זיי, אז מע זאל זיי געדעכט זייען און שיטער אויפגעהן; פון די שטעדטלעך, וואס אז מע וויל עמיצען רעכט בעשטראפען, זאל מען איהם נים פערשיקען קיין סיביר—פע! — צו אונז, צו אונז קיין באהסלעוו זאל מען איהם פער־שיקען און מאכען איהם פאר א קרעמער און געבען איהם קרעדיט, ער זאל קאנען רעכט אנזעצען און נאכדעם זאל ער האבען אויף זיך א שרפה, פארברענט ווערען מיט האק און פאק, נישט ארויסראטעווען א פארעם, און באהסלעווער יודען זאלען זאגען, אז דאס האט ער אליין געמאכט בורא מאורי האש, בכדי... איהר פערשטעהט דאך שוין מסתמא וואס באהסלעווער יודען קאנען אויסטראכטען און קאנען זאגען און טאקי אוועקשרייבען אהינצו וואו מע בעדארף, און א רוח אין זיי אין טאטען, און נאר נים!...

דערפון קאנט איהר שוין פערשטעהן מיט וועמען איהר האט צו טהון. איהר האט צו טהון מיט איין אומגליקליכען מענשען, וואס איז דריי מאל אומגליקליך, מיט א מענשען וואס האט אויף זיך א דרייענדיג פעקיל: ערשטענס בין איך א יוד, צווייטענס בין איך א באהסלע־ווער יוד, און דריטענס בין איך א באהסלעווער יוד א נשרף, און נאך וואס פאר א נשרף — פון די אמת׳ע „פרים הנשרפים". וואס אין סדור! איך בין הייסט עס היינטיגס יאהר אפגעברענט געווארען, ווי אזוי מיינט איהר? ווי א שטרויענע דאך! איך בין ארויס טאקי ממש כחרבי ובקשתי — וואס איז די טייטש? — ווי די מאמע האט מיך גע־האט, און ווי סע פיהרט זיך, בעדארף איך מסתמא יענע נאכט אקוראט נים זיין אין דערהיים! וואו בין איך געווען? איך בין געווען נישט ווייט פון אונז, אין טאראשטשע בין איך געווען, ביי מיינער א שוועסטער אויף א קנס׳מאל בין איך געווען. געווען זעהר א פיינער קנס׳מאל, מיט א סעודה מיט זעהר פיינע געסט, נישט באהסלעווער פארחעס, איהר קאנט פערשטעהן, אז מע האט אויסגעטרונקען אנדערהאלבען עמער בראנפען, אחוץ ביער. קורץ מע האט פערבראכט די צייט כדבעי — וואס איז די טייטש? — ווי נאט האט געבאטען, — פלוצלינג קומט מיר אן א דעפעש: „זשענא באליען, דיעטי באליען, טיאשטשא באליען, אטשעם אפאסנע!" האב איך דאך מסתמא געחאפט די פיס אויף די פלייצעס און הלך משה מרדכי אהיים! איך קום אהיים — א חתונה! — נישט קיין שטוב, נישט קיין קלייט, נישט קיין סחורה, נישט קיין קישעלי, נישט קיין העמד אויפ׳ן לייב, — בגפו יבא בגפו יצא — וואס איז די טייטש? — געוועזען איין ארעמאן און ארוים איין אביון... דאס ווייב נעבאך וויינט, די קינדער אויף איהר קוקענדיג, נישטא וואו דעם קאפ אנידערצולייגען; א שטיקעל גליק חאטש, וואס ס׳איז געווען גע־סטראכירט, און ג ו ט געסטראכירט, און דא, פערשטעהט איהר מיך, ליגט דער הונד בעגראבען... נאר דאס אליין וואלט נאך געווען א האלבע צרה; איז אבער געווען דער גאנצער אומגליק; וואס דאס מאל איז געווען נים דאס ערשטע מאל; מחמת איך האב שוין, דארפט איהר וויסען, אמאל נים היינט געדאכט געברענט, אויך ביינאכט איז דאס געווען, און אויך בשעת איך בין נים געווען אין דערהיים... נאר דעמאלט איז דאס, דאנקען גאט, אפגעלאפען גלאט: געקומען דער אינ־

רעדען וועגען ציוניזם, דארף מען זיך סטארען פערשטעהען, וואס מען זאגט.

קיינער פון אונז וועט נישט זאגען, אז יעדער יודישער ארעמאן קען ווערען א נגיד נישט נאר אין די לענדער, וואו יודען וואהנען, נאר אפילו אין ארץ ישראל. די ציוניסטען אבער קלערען נישט וועגען נגידות, זיי ווילען מעהר נישט ווי געבען דעם יודישען פאלק אזוינע לעבענס־תנאים, אז ער זאל קענען זיך ענטוויקלען רוהיג און זיכער ווי יעדעס פאלק. די ציוניסטען קלערען נישט, אז מען קען מיט א מאל — דורך א וואונדערווארט — בעפרייען יודען פון זייערע צרות און דחקות, פון דעסוועגען רעכענען זיי — און מיט רעכט — אז די יודען קענען זיך ביסלעך־ווייז שוין איצטער העלפען, ווען זיי וועלען מיט איין אמת אנהויבען טראכטען וועגען זייערע בעפרייאונג: די יודען מוזען זעהען ארגאניזירען זיך שוין איצטער, פעראייניגען זיך אין זייער גייסטיגען און נאך מעהר עקאנאמישען לעבען. דאס איז אונזער וויכטיגסטע אויפגאבע.

און אז יעדער יוד וועט אנהויבען פערשטעהען, אז די סבה פון זיין אומגליק ליעגט אין דעם, וואס ער האט אין זיין פראקטישען לעבען שטענדיג געלעבט רק פאר זיך אליין און קיין מאל נישט א טראכט געטהון וועגען דעם אנדערען אדער גאר וועגען דעם כלל — וועט ער געוויס זעהען וואו און ווי נאר מעגליך איינריכטען זיין גאנץ לעבען, זיינע ארבייט, מלאכה און געשעפטען, אויף אזא אופן, אז זיין אייגען גליק זאל צו גלייכער צייט ברענגען נוצען אויך די איבריגע יודען — דעם גאנצען כלל. יעדער יוד מוז אנהויבען פערשטעהען, אז נאר דורך דעם, וואס ער וועט תמיד האבען אין געדאנק די צוקונפט פון דער גאנצער, יודישער נאציאן, וועט ער קענען באמת פערבעסערען אויך זיין לאגע אלס יחיד, אלס איינציגער מענש, און דענסטמאל וועט ער אויך אין זיין פראקטישען לעבען שטענדיג ארבייטען נישט געגען, נאר פאר און מיט זיינע ברודער. דורך שותפ'שע ארבייט וועלען די יודען געוויס קענען מלחמה האלטען געגען זייער ארעמקייט און וועניגסטענס דערגרייכען דאס, אז זיי זאלען נישט גאנץ פעראראמט ווערען, ביסלעך־ווייז טאקע נעהענטער צוקומען צו אונזער לעצטען צוועק.

דורך [...]יעלען ביי אונז, יודען, בעשאפען ווערען אזוינע [...], וואס אין זיי שפיעלט זיך פעסט אב און שטעהט [...]

[...] פאלק. [...] עס וועט אויך געשטארקט און [...] ווערע[ן] צעבראכענע יודישע נשמה. ווארום אז דער יוד וועט זיך אויסלערנען צו ארבייטען אין זיין וואכעדיגען פראקטישען לעבען פאר זיך און פאר אנדערע צו גלייכער צייט, וועלען זיך זיינע נאציאנאלע און געזעלשאפטליכע געפיהלען פעראייניגען און פערשמעלצען מיט דעם געפיהל פון זעלבסט־ליעבע, און אלע די געפיהלען וועלען ווירקען אויף זיין רצון און שטויסען איהם תמיד צו אזא ארבייט, וואס נוצט איהם אליין און דעם גאנצען כלל.

מיט א שטארקען, פעראייניגטען ווילען וועט דער יוד זעהר פיעל קענען דערגרייכען און אויספיהרען.

רעדען בפרטות וועגען אלע מיטעל, וואס דאס יודישע פאלק קען און דארף שוין איצט אנווענדען, בכדי צו פערבעסערען זיין לאגע אין דער יעצטיגער צייט, וועלען מיר קענען ערשט נאך דעם, אז דער יוד וועט זיך געוואהנען עפטער צו טראכטען וועגען די לאגע פון זיין פאלק. אבער בדרך כלל קען מען שוין אצינד זאגען, אז מיר מוזען ארבייטען פאר דאס יודישע פאלק אויף דרייערליי אופנים און אין דרייערליי ערטער:

ערשטענס אין די מדינות, וואו יודען וואהנען מוזען יודישע בעלי־מלאכות און אויך יודישע קליינע סוחרים זיך נאך מעגליכקייט פער־איינינען אין חברות, דורך וועלכע זיי קענען זיכער אין כמה פרטים פערבעסערען און פערגרעסערען זייער פרנסה. אזוינע עקאנאמישע חברות וועלען אויך האבען א גוטע ווירקונג אויף דעם יודישען כאראקטער, ווייל יעדער איינציגער יוד וועט זיך ביסלעך־ווייז געוואהנען זעהען אין דעם צווייטען יודען זיין אמת'ען חבר און ברודער, מיט וועמען ער איז פעראייניגט נישט נאר דורך גלייכע, שותפ'ישע צרות, נאר אויך דורך גלייכע, שותפ'ישע ארבייט און עקאנאמישע אינטערעסען.

צווייטענס, מוזען מיר, יודען, בעמיהען זיך, צו ארגאניזירען, דאס הייסט, איין ארדנונג צו ברייגען אין אונזער עמיגראציע. יודען לויפען איצט אהן א טאלק און אהן א סדר אין אלע לענדער — וואוהין עס מאכט זיך נאר. דארט ווערען זיי אפט פארשלונגען דורך די רוישענדע חוואליעס פון דעם לעבענס־ים. מיר מוזען זעהען, אז אונזערע יודען זאלען נישט לויפען גלאט אין דער וועלט אריין, און אז זיי זאלען אומעטום, וואו זיי וועלען זיך בעזעצען, פיהלען זיך אלס יודען, פיהלען דעם בונד, וואס פערבינדעט זיי מיט אלע איבריגע יודען און מיט דעם גאנצען יודישען פאלק.

דריטענס, מוזען מיר אויך ארבייטען אין אונזער יודיש לאנד. מיר מוזען ביסלעך־ווייז בעזעצען אונזער חרוב'ע לאנד, גרינדען דארט קאלאניעס, דערפער, שטעדט, — בכדי אז ארץ ישראל זאל פעהיג ווערען צו צונעהמען אין זיך וואס מעהר און מעהר עמיגראנטען.

מיר דארפען ביי דעם אלעמען נישט פערגעסען, אז מען קען נישט אלץ פערלאנגען מיט אמאל און פלוצים; מען דארף אנהויבען מיט קליינע ענינים, מיט קליינע מיטלען, וועלכע זענען נאך אונזערע כחות נאך. ביסלעך־ווייז קענען מיר בעקומען די מעגליכקייט, צו נעהמען זיך אויך פאר העכערע כלל־ענינים, וואס וועלען האבען א גרעסערען ווערט פאר אונזער [...]ל *)

[...]

אבער קודם כל דארפען [...] צו [...] עקאנאמישע ארבייט; מיר דארפען זיך געוואהנען טראכטען וואס מעהר וועגען די יעצטיגע צייט און בעמיהען זיך, אז אונזערע נאציא־נאלע געפיהלען זאלען זיך אבשפיעגלען אין אונזער פראקטישען לעבען, בכדי עס זאלען זיך שטארקען אונזער ווילען און אונזער איינענער גלויבען אין זיך זעלבסט.

גלויבען האבען מיר גענוג געגלויבט, נאר נישט אין זיך זעלבסט — און דאס איז געוועזען אונזער אומגליק!

---

*) דער רעפערענט בעשפרעכט פאדראבנע אלע מיטעל, וועלכע די יודען קענען שוין איצט בענוצען, בכדי צו העלפען דעם יודישען פאלק אין זיין נויטה. מיר ברענגען זיי דא נישט, ווייל מיר וועלען שפעטער בעשפרעכען אין אונזער בלאט יעדעס מיטעל בעזונדער.

פון אדעסער קאמיטעט.

דער קאמיטעט פון דער „חברה צו שטיצען ערדארבייטער און בעלי־מלאכות אין סוריא און פאלעסטינע" האט אונז צוגעשיקט א צירקולאר, וואס ענטהאלט די מיינונגען פון ה. עטינגער וועגען דעם מצב פון די קאלאניעס אין ארץ ישראל און וועגען דעם, וואס די חברה ברויך נעמען צו טהון, בכדי איהר מיה און שטיצונג זאלען נוצליך זיין.

נאך אין נאוועמבער פאריגעס יאהר האט דער קאמיטעט צוזאמענגערופען איין אסיפה פון אגראנאמען, וואס איז בעשטאנען פון די הערען וו. א. בערטענזאהן, ג. א ליובארסקי, א. א. זוסמאן, ז. ג. ברונין, און י. ג. עטינגער. דער קאמיטעט האט זיי בעקאנט געמאכט מיט דעם מצב פון די קאלאניעס דורך פערשיעדענע מאטעריאלען און סטאטיסטישע ציפערן, וואס ער האט דער אסיפה איבערגעגעבען. די הערען אגראנאמען האבען שטודיערט די מאטעריאלען, האבען זיך גרינדליך בעקענט מיט דעם מצב און האבען אויסגעשפראכען זייער מיינונג, אז די לאגע אין ארץ ישראל איז נישט אזוי שלעכט, ווי מען מיינט; אז די גרויסע הוצאות, וואס זענען אריינגעלעגט געווארען אין דער קאלאניזאציע, זענען נישט אויסגעבערענגט געווארען אויף גאר נישט, אז ווי עס איז, האבען מיר יעצט אין די קאלאניעס 26,644 דעסיאטין ערד *), איין ערך פון 700 הייזער, 400 שטעלער פאר פערד און מעהר ווי 3100 שטיק בהמות. דערצו האט די אסיפה אויפגעוויזען, אז פערשיעדענע ווירטשאפטליכע עסקים ברענגען אין ארץ ישראל איין ארענטליכען רוח, נישט קיין ערגערען ווי אין אנדערע לענדער. די ריינע הכנסה פון א מיטעלע קאלאניסטען־פאמיליע (פון · נפשות) איז 400 רובל ביי די קאלא־ניסטען, וואס די ערד זייערע איז בעפלאנצט מיט וויינשטאקען (וויינגערטנער) און 16' א יאהר ביי די, וואס די ערד זייערע ווערט בעזייט מיט תבואה. אט די הכנסה (פון וועלכער עס זענען שוין אראבגערעכענט [...]אדאטקעס) איז א סך גרעסער, ווי די הכנסה [...]ייז אין רוסלאנד. אזוי, צום ביי־שפ[...] חערסאנער גובערניע [...]

[...]

בכלל, האט די אסיפה אויסגע[...] מיינ[...] ארץ ישראל איז א סך געטהון געווארען, אזוי אז די ווייטערע ענט־וויקלונג פון דער קאלאניזאציע איז מעגליך.

דער קאמיטעט, אויסהארכענדיג די מיינונג פון די הערען אגראנאמען, האט בעשלאסען צו מאכען א שטענדיגע ראמה־קאמיסיע פון אגראנאמען, און האט זיך געווענדעט צום ה' עטינגער, דער פערזארגער פון די ארבייטען פון יק"א אין בעסאראביע, מיט א בקשה, אריבערצופאהרען קיין ארץ ישראל אום זיך צו בעקענען אויפ'ן ארט מיט דער קאלאניזאציע, כדי איבערצוגעבען דערנאך דעם קאמיטעט זיין מיינונג.

---

*) אין דער לעצטער צייט האט די חברה יק"א צוגעקויפט נאך 5000 דעסיאטין.

ספעקטאר. איבערגעשריבען די געברענטע שמאטעס, אפגעשאצט דעם היזק, זיך אויסגעגלייכט, פיין, שען, א רענדיל אראפ, א רענדיל ארויף, דאס־יענץ, און א רוח איז זיי אין טאטען, און גאר ניט! ...

איז דאס געוועזען איין מאל א מעשה; איצטיגס מאל אבער האט מען מיר צוגעשיקט א אינספעקטאר, זאל גאט שומר ומציל זיין אלע יודען; א רשע מרשע! און אויף מיין גליק א נקי כפים'ניק, ער נעמט ניט! ... האט איהר געהערט א מעשה? — ער נעמט ניט און נעה מאך! ... זוכט ער און נישטערט און גריבעלט און גראבט, וויל זיך דערביוען איך זאל איהם קלאר מאכען, ווי אזוי האט דאס געברענט? און פון וואנען? און וויפיל איז פערברענט געווארען? און פאר וואס איז ניט נעבליבען קיין שריד ופליט? קיין סליד אפילו? ... א, זאג איך, מיין טענה! ... איך טענה אויך דאס איינענע! געהט, זאג איך, פרעגט ביים רבונו של עולם!" ... „ס'איז ניט גלאט, זאגט ער, מיינט ניט, אז אזוי גיך נעמט איהר ביי אונז געלד" ... געפעלט איך אביסעל א חכם! ער שרעקט די געגנז, פונקט ווי דער סליעדאוואטעל אונזערער וויל מיך חאפען ביי דער צונג, דערטאפט א מלופום קינד: „סקאזשי נא מאשקע, זאגט ער צו מיר, סקאזשי מניע, ליובעזני, אטשעווא טי קאזשדאי ראז גאריש?" — דאס הייסט, איך זאל איהם געהן זאגען, וואס איז דער שכל וואס איך ברען אלע מאל? „אט פאזשארא, זאג איך איהם, וואשע בלאהאראדיע" — פון א שרפה ברען איך ... „פאר וואס האסט דו, זאגט ער, עפיס גראד געסטראכירט פריהער מיט צוויי וואכען איידער דו האסט געברענט? ..." „וואס רען, זאג איך, האסט דו געוואלט, פריץ, איך זאל סטראכירען מיט צוויי וואכען שפעטער? ..." „פאר וואס, זאגט ער, ביזט דו גראד נישטא אין דערהיים, בשעת דו ברענסט?" ...

„נו, און אז איך זאל זיין אין דערהיים, זאג איך, בשעת מעשה, וואלט דיר שוין געוועזען גרינגער?" ... „פאר וואס, זאגט ער, האט מען דיר געטעלעגראפירט, אז די קינדער זענען שלאף און דאס ווייב איז שלאף, און די שווינער איז פערביי?" ... „בכדי, זאג איך, איך זאל קומען צו־פאהרען וואס גיכער" ... „פאר וואס האט מען דיר ניט געשריבען בעסער דעם אמת?" ... „בכדי, זאג איך, איך זאל מיך ניט דערשרעקען" ... „אויב אזוי, מאכט ער צו מיר, פארשטעה איך שוין וואו איך האלט מיט דיר ... זאלסט וויסען זיין, זאגט ער, אז איך זעץ דיך איין" ... „פאר וואס און פאר ווען? — זאג איך, וואס האסט דו צו מיר? דו נעמסט, זאג איך, א מענטשען, וואס איז נאט די נשמה שולדיג און מאכסט איהם אומגליקליך! ס'א קונץ, זאג איך, קוילען? ווילסט קוילען־קוילע! דו פארגעסט, זאג איך, אז ס'איז פאראן א זאקאן און ס'איז דא א גאט אויף דער וועלט" ... איז ער געווארען אנגעצינדען: „דו רעדסט נאך מיט גאט? דו אזעלכער און אזעלכער! ... נאר וואס הער איך איהם, אז איך בין ריין, ריין ווי גין־גאלד, ווי זאגט ער, אל תהי בז לכל בשר. וואס איז די טייטש? — אז מע עסט ניט קיין קנאבעל הערט זיך ניט נאך, און א רוח אין זיי אין טאטען, און גאר ניט! ...

וואלט געוועזען גוט; איז דאך אבער באהסלעוו! קאן עפיס א באהסלעווער יוד ליידען, אז יענער זאל נעמען אומזיסט געלד? האט מען זיך צעלאזט מיט פאפירען, מיט מסירות הייסט דאס, א סך האבען אוועקגעשריבען דורך דער פאסט און א סך האבען זיך אליין מטריח געוועזען מיט זייער כבוד אין דער „אבטשעסטווע" אריין, מיך געמסר'ט, אז דאס האב איך אליין געמאכט „בורא מאורי האש" ... איהר הערט, שקצים קאנען? ... אז דאס בין איך אוממיסטנע אוועקגעפאהרען יענע נאכט פון דערהיים, בכדי ... איהר פערשטעהט, הולטייעס קאנען? ... און אז ס'איז ביי מיר קיין מאל ניט געוועזען, זאגען זיי, אזוי פיעל סחורה וויפיל איך ווייז אן, און אז די חשבונות מיט די ביכער, וואס איך האב צוגעשטעלט, זענען פאלשע חשבונות, און זיי וועלען דאס אויסווייזען, זאגען זיי, מיט אתות ומופתים, מיט המנ'ס מסירות, מיט ... מיט ... מיט און א רוח אין זיי אין טאטען, און גאר ניט! ...

נאר ווער הערט זיי, איך בעט אייך, אז איך בין פארט ריין, ריין ווי גין־גאלד! ... מילא דאס וואס זיי זאגען, אז איך אליין האב געמאכט בורא מאורי האש, איז דאך גלאט בלאטע; א מינדסט קינד פערשטעהט דאך, אז מע וויל שוין אפטהון אזא זאך טהוט מען דאס ניט אליין ... סע געפינט זיך שוין אזעלכער, א שליח פון די „מלאכי השרת", וואס ער טהוט דאס אפ פאר א דרייעריל ... וואס? ניט אזוי? ווי אזוי איז ביי אייך? ביי אייך מאכט מען ניט די שפיעל? ... און דאס וואס זיי זאגען, אז איך בין אוממיסטנע אוועקגעפאהרען פון דער־היים, איז אויך א שטות'עריי, ס'איז פארט געוועזען א קנס־מאל ביי מיין שוועסטער, איך האב איין און איינציגע שוועסטער אין טאראשטשע, מאכט זי חתונה די מיטעלסטע טאכטער, זאל איך ניט פאהרען אויפ'ן קנס־מאל? טאקי א יושר? איך פרעג אייך אליין: ווי וואלט געוועזען אשטיינגער, ווען איהר האט איין און איינציגע שוועסטער און זי טהוט א שדוך מיט דער מיטעלסטער טאכטער, וואלט איהר געזעסען אין דערהיים און נישט געפאהרען צו דער שוועסטער אויפ'ן קנס־מאל? ניין? וואס שווייגט איהר? צי אשטיינגער איך זאל זיין א נביא און טרעפען, אז גראד דעמאלט, ווען מיין שוועסטער אין טאראשטשע טהוט א שדוך מיט דער מיטעלסטער טאכטער, וועט ביי מיר אין באהסלעוו זיין א

מיט דער ערלויבעניש פון דער חברה יק"א, מיט וועלכער דער אדעסער קאמיטעט האט זיך דורכגעשריעבען וועגען דעם ענין, איז ה' עטינגער אין אפּריל פאריגעס יאהר אריבערגעפאהרען קיין ארץ ישראל, פון וואנען ער איז צוריק געקומען אין יולי.

ה' עטינגער ווי אויך דער קאמיטעט האבען נאך צו וועניג צייט געהאט אום צו בעארבייטען און אבדרוקען די אלע מאטעריאלען, וואס ה' עטינגער האט געבראכט. דעריבער מוז זי זיך דערוויילע בעגנוגען לאזען מיט דעם איבערגעבען די הויפּט-מיינונגען פון ה' עטינגער. אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון דער חברה רעכענט ה' עטינגער צו געבען איין אויספיהרליכען רעפעראט.

אלער ערשטענס איז ה' עטינגער געקומען צו דער זעלבער מיינונג פון דער אגראנאמען-אסיפה, אז 1) די נסיונות אין פאלעסטינע האבען אונז בעשאפען עטליכע פעסט-שטעהענדע קאלאניעס, ארום וועלכע עס קאן זיך פערברייטערען דער ווייטערער יודישער "ישוב"; אז 2) אין ניכען וועלען די קאלאניעס האבען איין ארט, וואו אבצוזעצען זייערע פּראדוקטען (פון די 40,000 העקטאליטער ויין, וואס זענען אויסגעארבייט געוואָרען אין לעצטען יאהר, זענען פערקויפט געוואָרען 3,000 העקטאליטער); אז 3) די פרייזען פוי ויין וועלען מיט דער צייט שטייגען, ווען דער ויין וועט מעהר בעקאנט ווערען דעם פובליקום.

ה' עטינגער ווייזט ווייטער אויף, אז 4) אום צו מאכען די קאלאניסטען זעלבסטשטענדיג, ד. ה. אום צו געבען זיי די מעגליכקייט דורכצוקומען מיט די אייגענע הכנסות, ברויך מען זיי צו צוהעלפען ענטוויקלען פערשיעדענע ארגאניזאציעס, וואס זענען געגרינדעט אויף די עקרים פון זעלבסטהילף און צוזאמענהילף; אז 5) דער קאמיטעט ברויך צו שאפען די קאלאניסטען אייגענעם ביליגען קרעדיט, פערבעסערען די טעכנישע זייט פון דער ווירטשאפט, שאפען די קאלאניסטען זייטיגע פערדיענסטען, אויף מערק, וואו אבצוזעצען די פּראדוקטען, אויסערדעם מוז מען זעהען צו פערבעסערען די בילדונג פון די קאלאניסטען אין דער היים און אין דער שולע. ווייטער ברויך דער קאמיטעט זיך אבצוזאגען פון איינריכטען איינצעלנע קאלאניסטען, וואס האבען נישט אייגענע מיטלען און [illegible] ־ישעם. נישט ניצליכעם. [illegible] שעדליכער נדבות־געבען איינצעלנע קאלאניסטען און גאנצע קאלאניעס.

אם ענדע לענט ער פאר, אז דער אדעסער קאמיטעט ברויך אויף יעדען יאהר פאראויס אויסצוארבייטען א סמיעטא פון די הוצאות אויף קינפטיגען יאהר, אז די מאטעריאלען צו דעם בודזשעט ברויך צו צושטעלען דער פאלעסטינער ועד־הפועל, דערנאך ברויך דער פּראַיעקט פון דעם בודזשעט איבערגעגעבען צו ווערען דער ראטה-קאמיסיע פון ספעציאליסטען, וואס זאל איהם בעשטעטיגען.

צו דעם צירקולאר זענען צוגעגעבען געוואָרען א פּראגראם פון דער טהעטיגקייט פון דער חברה און איין אלגעמיינער פּלאן פון בודזשעט פון ועד־הפועל.

פּאליטישע נייעס.

(די מאקעדאנישע בעוועגונג). ווי די בולגארישע צייטונגען שרייבען, וואכסט די מרידה אין מאקעדאניע אלץ גרעסער און גרעסער, לויט די טעלעגראמען, וועלכע זענען אנגעקומען פון דער בולגארישע הויפּטשטאדט סאפיא, האט מען דעם 25 סעפּטעמבער ערקלערט די מרידה ביי דער גרענעץ-געגענד פון ריל און אין א סך בעצירקען פון בולגאריע. די מחנה פון די מורדים ווערד אלץ גרעסער, עס קומען צו יעדען טאג נייע מענשען, וואס שטעהען צו צום בונד, זייער אנפיהרער איז סטאמאט גיעדעלצאוו, וועלכע איז בעקאנט מיט זיינע גבורות, וואס ער האט בעוויזען אין יאהר 1899 ביי דער א מאליגער מאקעדאנישער בעוועגונג. דעם 29 סעפּטעמבער איז אין סאפיא געוועזען א גרויסע פערזאמלונג ביי די מאקעדאנישע באנדען. אויף א באלקאן פון א הויז איז ארויס דער פארשטעהער פון די מאקעדאנישע בעוועגונג מיכאילאווסקי, דער עולם האט מיט די הענד בראווא געפּאטשט און ער האט געהאלטען א פייערדיגע רעדע, וואס האט געדויערט דריי פערטעל שעה, דער אומגעהייער גרויסער עולם, האט נישט איינמאל איהם מפסיק געוועזען זיין רעדע מיט בראוואַ-שרייען און הענד פּאטשען. עס איז ביי דער אסיפה בעשלאסען געוואָרען: 1) די אסיפה בעשטעטיגט מען זאל בעטען די בולגארישע פירסטליכע רעגירונג מיט דער גרעסטער ענערגישע פארמע, זי זאל פועל'ן ביי די אייראפּעאישע רעגירונגען, מען זאל פערבעסערן די לאגע פון די ליידענדע מאקעדאניער. 2) מען זאל די אייגענע רעגירונג בעטען, זי זאל אויפמערקזאם מאכען די אייראפּעאישע רעגירונגען אויף די דריי זאכען: ערשטענס, אז אויך די טערקישע מלוכה ליגט א געוויסער חוב, און אז נישט נאר דער שוואכער נאר דער שטארקער אפילו מוז אויך טהון זיינע פּפליכטען; צווייטענס אז נישט די אומרוהען אין מאקעדאניען מאכען אן דאס אכזריות ביי די טערקען, נאר פארקעהרט, דאס אכזריות פון די טערקען מאכען אן אונרוהען אין מאקעדאניע: דריטענס, אז דאס בולגארישע פירסטענטהום קען בשום אופן נישט בלייבען גלייכגילטיג צו די ליידען וואס זייערע מאקעדאנישע ברידער ליידען. 3) מען זאל אויפמערקזאם מאכען דאס מיניסטעריום דעם אייסערען אויף די ווייטערדיגע לאגע די בולגארישע פּאליטיקה איז א [illegible] א שיטת הכּוש [illegible] צו בע מיהען וועגען דעם, אז די מאקעדאנישע פראגע זאל בעהאנדעלט ווערען פון דעם שלום-משפּט אין האג.

(רוסלאנד איז מתרה בולגאריע). לויט די פּאר דערונג פון טערקיי האט רוסלאנד אויסגערעדט בולגאריע, דערפאר וואס זי לאזט אריבער בולגארישע באנדע' איבער די טערקישע גרענעץ מען רעדט, אז אלע אייראפּעאישע רעגירונגען, האבען די טערקיי פערשפּראכען אויס צו רעדען בולגאריע פאר דעם. די טערקיי איז מודיע פון זאפיא, די הויפּטשטאדט פון בולגאריע, אז די בולגארישע רעגירונג שיצט די מאקעדאנישע בעוועגונג.

(א מלחמה צווישען טערקישע חיל און בולגארישע באנדען). ביי קרוראווא, א גרענעץ-שטעדטיל צווישען בולגאריע און טערקיי, איז געוועזען א מלחמה צווישען טערקישע סאלדאטען און בולגארישע באנדען, ביי וועלכע עס זענען גע'הרג'עט גע־וואָרען 10 בולגארען. — פון סאלאניקי און אנדערע ערטער זענען געגאנגען 2550 סאלדאטען נאך דעדעאגאטש. — אויף דעם וועג צווישען סאלאניקי — קאנסטאנטינאפּאל האבען בולגארישע באנדען צעבראכען די טעלעגראפען-דראטען.

(די בורישע גענעראלען). די בורישע גענעראלען, וועלכע פאהרען ארום אין די אייראפּעאישער הויפען, זענען נישט לאנג גע־קומען קיין פּאריז, אויף דעם וואגזאל האט זיי אבגעווארט דער סענאטאר פּאליא און נאך א סך חברים פון דעם פראנצויזישען פּאר־לאמענט. דער סענאטאר פּאליא האט געזאגט, אז פראנקרייך גלויבט, אז דאס בורישע פּאלק וועט נישט אונטערגעהן. גענעראל באטא האט איהם זעהר געדאנקט דערפאר און האט געזאגט: האפענדיג, אז דאס בורישע פאלק וועט אין גיכסטען ווערען זעלבסטשטענדיג, האבען זיי זיך אונטערגעגעבען ענגלאנד און האבען זיך בעשלאסען איהר צו זיין טריי. נאר דערפון דארף מען נאך נישט שליסען, אז מען דארף די בורען בעליידיגען. געהענדיג אין האטעל האט מען די גענעראלען געמאכט גרויס פּאראד. אויך האט מען זיי געגעבען 75 טויזענד פראנק פאר די פּארארעמטע בורען. דעוועט האט געזאגט: אז דעריבער האבען די פראנצויזען אזוי פריינדליך עמפּפאנגען די בורען, ווייל ביי א סך בורען פליסט פראנצויזיש בלוט. אין דעם מיניסטעריום פון די אינערע אנגעלעגענהייטען האט זיי עמפּפאנגען דער מיניסטער פּרע־זידענט קאמב.

— פון פּאריז זענען די בורישע גענעראלען געפאהרען קיין בערלין, וואו דאס דייטשע פאלק האט זיי אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליעבשאפט.

וועלט־נייעס.

(זאלא'ס ירושה). עמיל זאלא האט, ווי די פראנצויזישע בלע־טער מעלדען, איבערגעלאזען ירושה אין הייזער און פּלעצער נעבען דעם טייך סיינע, וואס בעטרעפען פיער מיליאן פראנק.

(א זעלטענער סטרייק). אין ניו־יארק איז נישט לאנג א זעלטענער סטרייק געוועזען. 2,500 זשורנאליסטען, דאס הייסט מיט־ארבייטער אין צייטונגען, האבען אויפגעהערט צו ארבייטען, זיי האבען פערלאנגט מען זאל צאהלען א גרעסערען לאהן. א סך קליינע בלעטער [illegible]

(די לינקע האנד). בשעת די לעהרער־פערזאמלונג אין ווארשא האט איין לעהרער פארגעטראגען א פּראַיעקט, מען זאל געוואהנען קינדער צו שרייבען מיט דער לינקער האנד אזוי ווי מיט דער רעכטער. ער האט דערוויזען, אז מען טהוט נישט ריכטיג, וואס מען פערגעסט אין די לינקע האנד אין נאנצען, דען אז עס פּאסירט זיך, חס ושלום, אז א מענש ווערד קראנק אויף דער רעכטער האנד, אדער חלילה מען ווערד איהר אין גאנצען אן, איז ער דאך אין גאנצען אומגליקליך, ער קאן נישט מעהר שרייבען און פערדיענען, דער פּראַיעקטירער האט געבראכט א ראיה פון די יאפּאנער. וואס ביי זיי איז שוין לאנג איינגעפיהרט צו שרייבען מיט ביידע הענד. מען האט אויסגעקליבען א קאמיסיאן, וואס זאל וועגען דעם קלערען.

(וואס פאר א ווינטער מיר וועלען האבען). ווי מעטע־ראלאגען (מבינים אויף דעם וועטער) זאגען, וועט היינטיגעס יאהר זיין זעהר א שטרענגער ווינטער, אזא ווינטער, וואס איז שוין זייט 50 יאהר נישט געוועזען, א חוץ שטארקע פרעסט, וועט זיך דער היינטיגער ווינטער אויסצייכנען מיט שטארקע ווינטען. יונג מאסען שנייען און זאווייערוכעס, מען דארף האפען, אז די מעטראלאגען וועלען א טעות האבען, וואס דאס פאסירט זעהר אפט.

(אפטייק־מאנאפאל). דער פּראַיעקט צו מאכען מאנאפּאל־אפטייקען אין רוסלאנד, וועט נישט איינגעפיהרט ווערען; אדרבא, מען האט בעשטעטיגט, מען זאל גרינגער מאכען צו עפענען נייע אפטייקען, כדי די אפטייקען זאלען נישט זיין ביי איינצעלנע מענשען אין די הענד.

(געלד וואס גילט נישט מעהר). דער רוסישער פינאנץ־מיניסטער איז מודיע, אז דעם 31 דעקאבער היינטיגעס יאהר וועט זיך ענדיגען דער לעצטער טערמין, וועלכער איז בעשטימט געוואָרען אויף די פאפּיער־געלד פון 10,25 און 5 רובעל, וועלכע האבען די "דאטע" פון 1887, און די 100 רובעל, וועלכע האבען די פארבען פון רעגענבויגען פון דער "דאטע" 1887, שפּעטער וועלען זיי נישט מעהר גילטען.

(דער ארבייטס־טאג פון די פּריקאשציקעס). די ווארשאווער פּריקאשציקעס האבען זיך געווענדט צו דעם גענעראל־גוּ־בערנאטאר מיט דער בקשה, עטוואס צו פערקירצען זייער ארבייטס־צייט. די פראגע איז בעטראכט געוואָרען אין אבעזונדערע קאמיסיע, וואס האט פארגעשלאגען, אז מען זאל שליסען די געשעפטען 9 אוהר אין אבענד. פריהער האבען אפילו געשעפטס־בעלי־הבתים מסכים געווע־זען שליסען איהרע קראמען אום 8 אוהר אבענד, נאר איינינע גרעסערע פירמען האבען דאס נישט דערלאזען.

שרפה! א גליק חאטש וואס איך האב געסטראכירט, און געסטראכירט האב איך טאקי איבער די היינטיגע שרפות. קומט דער זומער איז נישט אויסצוהאלטען פון די שרפות, וואס אין די קליינע שטעדטלעך; איין שרפה נאך דער אנדערער; אדער אין מיר א שרפה, אדער אין באברויסק, אדער אין רעטשיצע, אדער אין ביאליסטאק; דער עולם ברענט! ... האב איך מיך מישב געוועזען: כל ישראל חברים — וואס איז די טייטש? — אלע יודען ברענען, נו, און וואו בין איך? וואס בעדארף איך, שוטה בן פיקהאלץ, שטעהן אין ריזיקע מיט א קראם, פערלאזען זיך אויף נסים, אז איך קאן זי פערסטראכירען? נו, און ווי באלד סטראַ־כירען, פאר וואס זאל איך שוין ניט סטראכירען ווי סע געהער צו זיין? ממה נפשך, אז עסען חזיר. זאגט ער, לאז חאטש רינען איבער דער באָרד, דער רוח וועט די "אבטשעסטווע" ניט נעמען און איבער מיינע עטליכע קערבלעך וועט זי ארעמער ניט ווערען און א רוח אין זיי אין טאטען, און נאר ניט! ...

בין איך מיר אוועקגעגאנגען גאנץ פיין צו מיין אגענט און זאג איהם: "העד נאר אויס, זיינוויל, אזוי און אזוי איז די מעשה, דער עולם ברענט, למאי זאל איך שטעהן אין א ריזיקע? איך וויל דו זאלסט מיר פערסטראכירען מיין קראם"... "טאקי באמת"? — מאכט ער און קוקט אויף מיר מיט א מאדנע שמייכעלי... "וואס שמייכעלסט דו, זאג איך, ווי א פנר אומגעוואשען?" — "איך האב, זאגט ער, הנאה און סע טהוט מיר באנג"... "וואס הייסט, זאג איך, די האסט הנאה און סע טהוט דיר באנג?" ... — "באנג טהוט מיר, וואס איך האב אייך, זאגט ער, איין מאל געסטראכירט, און הנאה האב איך, וואס דאס אנדערע מאל וועל איך אייך שוין ניט סטראכירען"... "וואס איז די מעשה?" זאג איך ... — "אזוי, זאגט ער, ווייל איהר האט מיך איין מאל אפּגענארט..." "ווען האב איך דיך, זאג איך, גענארט?" — "דעמאלט ווען איהר האט געברענט..." "זאג חאטש, ניט היינט געדאכט, דו גראבער יונגאטש!..." "נישט היינט גע־דאכט, נישט דא געדאכט, נישט פאר קיין יודען געדאכט!" — זאגט ער און לאכט מיר גלייך אין פּנים אריין... א שיינע קאן! ... מאלט אייך, איך האב אפּגעזוכט איין אנדער ארט אויף צו סטראכירען; א גרויסע דאגה! — המבלי אין קברים במצרים — וואס איז די טייטש? קארג אב־טשעסטוועס פאראן ביי אונז. טאטעניו? אגענטען ווי די הונט! האב איך דערטאפּט א יונגען־מאן, וואס איז נאר וואס אראפּ פון קעסט און איז געווארען איין אגענט פון איין "אבטשעסטווע" און זוכט ארבייט... נו, ווי פערשטעהט איהר, מסתמא האט ער מיך פערסטראכירט און טאקי אויף עשרת אלפים ר"כ, פאר וואס ניט? איך בעט אייך, סע שטעהט מיר ניט אן צו האבען נאך מעהר ווי פאר צעהנטויזענד שמאַרדאַ־ווענצעס סחורה אין קלייט? "טאוואר וואבאראטי" — וואס איז די טייטש? — היינט איז ניטא, מארגען איז פאראן ... אי, זיי זאגען איצט, די באהם־לאווער יודען הייסט עס, אז איך האב קיין מאל ניט געהאט אזוי פיעל סחורה? ווער הערט זיי? לאזען זיי גערן דערוויזען, לאזען זיי זאגען, לאזען זיי רעדען, לאזען זיי בילען, לאז א רוח אין זיי אין טאטען, און נאר ניט! ...

(ענדע קומט).

יודישע נייעס.

רוסלאנד. (אקאמיסיע פון רבנים). סוף אקטיאבער ווערד בערופען אקאמיסיע פון רבנים ביי דעם דעפארטאמענט פון גייסטיגע ענינים, בכדי ארום צו קלערען איינינע שאלות, וועלכע האבען א שייכות צו דעם רעכט פון דער יודישער פאמיליע. צווישען אנדערע פראגען נעפינען זיך אויך די פראגען וועגען חליצה און ענונות.

(שבת־שולען). די ווארשאווער גמינע האט בעקומען דאס ערלויבניש צו עפענען אין די 5 תלמוד־תורות, וואס געהערען דער געמיינדע אומזוסטע קורסען פאר שילער פון בעלי מלאכות ביז 16 יאהר. לעת עתה עפענט די גמינע נאר צוויי אזוינע שולען.

(שילער־פראצענטען אין שטאדט־שולען). אין באברויסק האט זיך געעפענט א שטאדט־שולע; מען האט צוגענומען אהין 110 נית יודען און נאר 16 יודען.

(פעראיינינטע חדרים). אין ראסטאוו־אויף־דעם־דאן זענען איצט, א דאנק די שתדלנות פון דעם דארטיגען ראבינער, ד״ר אייזענשטאדט אלע חדרים פעראייניגט אין איין הויז.

(יודישע וואהנרעכט). די חברה יודישע לעהרער אין יעקאטרינעסלאוו האט פארגעטראגען א פראיעקט ביי דער לעהרער־פערזאמלונג, וואס איז געווען אין מאסקווא, אז מען זאל פועל׳ן צו געבען די יודישע לעהרער וואהנרעכט אין גאנץ רוסלאנד. זיי זאגען א טעם דערצו: ווען מען גיט וואהנרעכט יודישע בעלי־מלאכות אין רוסלאנד איז דאך דאס א סימן, אז די רעגירונג וויל טהון גוטעס מיט די וואס פערדיענען זייער ברויט פון ארבייט. דערפאר דארפען לעהרער אויך בעקומען וואהנרעכט אין גאנץ רוסלאנד, ווייל זיי לעבען אויך פון זייער ארבייט.

ענגלאנד. (א מודעה פון דעם לאנדאנער עמיגראציאנס ביורא). די קאמיסיאן פון דעם לאנדאנער עמיגראציאנס־ביורא האט פערעפענטליכט אין די צייטונגען די דאזיגע מודעה:

קאנאדא. — זומער־צייט איז געוועזען אסך ארבייט, סאי אויף דאס פעלד, סאי אין די פאבריקען. די איצטיגע צייט אבער טויג נישט צום רייזען. עס קענען נאר קומען א זוינע, וואס האבען בעקומען קארטען פון זייערע קרובים אדער וועלכע ווייסען אויף זיכער, אז זיי וועלען בעקומען ארבייט.

ניי דרום־וועלס. — די בוי־ארבייט האט נאך נישט אויפגעהערט, מען דארף האבען ספעציאליסטען אויף בליי־ארבייט. קיין אנדערע בעלי מלאכות אבער נישט. אין אסך ערטער פעהלט וואסער, אין טהייל ערטער קען מען מחמת דאס טרוקעניש קיין ארבייט נישט בעקומען; אפילו אנדערע סארטען בעלי מלאכות געהען אויך מחמת דעם א[illegible] ארבייט. קיין נייע [illegible]ייזענדע זאלען נישט קומען. די בעלי׳ם בעקלאגען זיך אויף דעם יקרות, וואס איז אויף עסענווארג און אויך אויף די נייע צינסען, וואס מען האט ארויף געווארפען אויף די איינוואהנער.

וויקטאריע. — ארבייטער פאדערט קיינער נישט; אסך מענשען געהען ארום ליידיג. די רעגירונג גיט איינינגען קרוינשע־ארבייט. ביז נישט לאנג איז אויך דא געווען יקרות מחמת דאס טרוקעניש, נאר נישט לאנג איז געווען פיעל רעגען און מען האפט אויף א גוט יאהר. ביי וואלד־ארבייט איז דער ארבייטס־לאהן שטארק געפאלען. אויך אין די דרוקער־רייען רייסט מען אב פון די ארבייטער־שכירות און מען צאהלט פאר ארבייט זעהר ווענינ.

דרום אויסטראליע און קווינסלענד. — מען פאדערט נישט קיין ארבייטער, דאס טרוקעניש פערדארבט דאס לאנד.

מערב־אויסטראליע. — אין די שטעדט פרימענטל, קאלגארדי, אלבאני און נאך אנדערע שטעדט, איז די ארבייט שוואך; ביי די גאלד־גרובען איז גאר נישטא וואס צו טהון, נאר אין טהייל ערטער דארף מען ארבייטער. אויך דארף מען ארבייטער ביי לאנד־ארבייט.

טאסמאניע. — מען זוכט א קליינע צאהל ארבייטער ביי לאנד. אין מערב טאסמאניע דארף מען ארבייטער צו גראבען און צו האקען ערד.

ניי־זעלאנד. — גוטס־בעזיצער מיט אסך געלד מאכען דא אלע־בען. עס איז דא ארט פאר ארבייטער ביי לאנד, ערד־גרעבער און האקער, אבער סתם בעלי־מלאכות האבען דא נישט וואס צו טהון. דער רייזע־מקח איז ביליגער פאר אזוינע רייזענדער, וואס האבען ביי זיך עפעס געלד מיט וואס אנצופאנגען צו לעבען אדער אזוי א בעשטימטע הכנסה.

נאטאל. — אין נאטאל קען מען נישט אריינקומען, וואו מען זאל נישט האבען איין ערלויבניש פון דער ענגלישער רעגירונג. די ערלויב־ניש דארף בעטען דער רייזענדער אליין און נישט זיין שליח. דאס ביורא דערפון איז אין לאנדאן London 47 Victoria street S. W. ווער עס פערלאנגט איין ערלויבניש, דארף האבען 100 פונט שטערלינג אדער ער דארף אנווייזען, פון וואס ער וועט האבען חיונה. — אין דרום אפריקא דארף מען נישט מעהר קיין ארבייט. די לעצטע צייט זענען געקומען א סך סטאליארעס און בוי־ארבייטער; ארבייט קען בעקומען נאר דער, ווער עס איז א ספעציאליסט אין זיין פאך. די רעגירונג האט נייטיג ביי די נייע אייזענבאהנען, די דאזיגע בעלי מלאכות: בלעך־ארבייטער פון 25 ביז 40 יאהר. בעלי מלאכות וואס פערשטעהען צו פריווען וואגענען און וועגען און ארבייטען שוין ביי אזא ארבייט 5 יא״ר. זייער געהאלט איז 5 שילינג א טאג. די רעגירונג מאכט מיט זיי אב א קאנטראקט אויף 3 יאהר. זיי האבען זיך צו ווענדען צו דער ביורא Agent-General for Nathal 26 Victoria street London S. W. זיי מוזען צו שיקען אלע פרטים הייט: ווי אלט זיי זענען, זענען זיי מיט פאמיליעס אדער בחורים; זיי מוזען האבען אויך א דאקומענט פון א דאקטאר, אז זיי זענען געזונד; זיי בעקומען פרייע רייזע־קאסטען; און אין די צייט פון דער רייזע בעקומען זיי א העלפט פון זייער געהאלט, וואס מען וועט זיי געבען, ווען זיי וועלען אנהייבען ארבייטען.

טראנסוואל און אראנזש. — אהן איין ערלויבניש לאזט מען קיינעם נישט אריין. מען דארף נישט פיעל בעלי־מלאכות, וועלכע זענען ספעציאליסטען אין בוי־ארבייט. דער געוועהנליכער פרייז איז א פונט שטערלינג א טאג, מען דארף אבער נישט פערגעסען, אז אין טראנסוואל קאסט אלצדינג דאפעלט ווי אין ענגלאנד, און בפרט דירה־געלד איז דארטען שרעקליך טהייער. סתם בעלי מלאכות האבען דארטען נישט וואס צו טהון.

(די חברים פון „יק״א“). עס איז שוין מעהר קיין סוד נישט, אז ביי די חברים פון „יק״א“ איז נישטא קיין שלום. די סבה פון דער מחלוקת צווישען זיי איז „ארץ ישראל“. די דריי ענגלישע חברים פון דער „יק״א“ אלפרעד ל. כהן, קלויד ג. מאנטיפיארי און לוסאדא זע־נען גרויסע מתנגדים אויף דעם, וואס „יק״א“ גיט אוים געלד צו שטיצען פעררשיעדענע צדקה־אנשטאלטען אין ארץ ישראל, אין פרס און בכלל אין אזיע. אלפרעד ל. כהן האט בעשלאסען צו מאכען א משפט דער „יקא“ פאר די ענגלישע שופטים דערפאר וואס זי איז נישט מקיים באראן הירשעס צוואה.

איטאליע. (א יודישער פראפעסאר). ד״ר ה. פ. חיות, א יונגער יודישער געלעהרנטער איז געווארען פראפעסאר פון יודישע גע־שיכטע און ביבעל אין דער יודישער האכשולע אין פלארענץ. ד״ר חיות האט זיין שטודיום געענדיגט אין וויענער ראבינער־זעמענאריום, דער עיקר צייכענט ער זיך אוים מיט זיין טיעפע וויסענשאפט אין די מזרח־שפראכען. די צייטען וועט ארוים פון דרוק זיינער אחבור אויף לשון הקודש א פירוש אויף תהלים. דער נייער פראפעסאר איז אלט 25 יאהר.

טערקיי. (די חאלערא אין פאלעסטינא). דער צאהל פון די וואס זענען קראנק געווארען אויף חאלערא אין פאלעסטינא איז 242, דערפון זענען 166 געשטארבען.

(א התיר אויף שמטה). דער נייער רב ר׳ אליהו דוד ראבינאוויץ אין ירושלים האט מתיר געמאכט די קאלאניסטען צו ארבייטען אים שמטה לויט די תנאים וואס רבי יצחק אלחנן, עליו השלום, דער קאוונער רב האט מתיר געווען, דער איינגער רב האט נישט לאנג בעזוכט די קאלאניעס און די קאלאניסטען האבען איהם אנגעטהון גרויס כבוד.

ראובן אשר ברוידעס

שבת חול־המועד י״ז תשרי איז אין וויענער יודישען שפיטאל געשטארבען דער בעוואוסטער יודישער שרייבער ראובן אשר ברוידעס. ער איז אלט געווען 52 יאהר. און מאנטאג י״ט תשרי, [0] דעם צווייטער טאג מיטאג האבען איהם זיינע גוטע פריינד און חברים געבראכט צו קבורה. צו דער לויה זענען געוועזען, א חוץ אלע פארשטעהער פון די וויענער ציוניסטישע חברות, אויך די רעדאקטארען פון פיעלע בלעטער און צייטונגען, אין וועלכע דער פערשטארבענער איז געוועזען א מיטארבייטער, און אויך פארשטעהער פון א סך צדקה חברות. עס האבען איהם מספיד געוועזען פיעל יודישע געלעהרנטע ווי: ד״ר מעהרער; ד״ר ל. סופר; ארכיטעקט אסקאר מארמארעק אין נאמען פון די ציוניסטען; מ. עהרליך דעם פערשטארבענעם׳ס א גוטער פריינד; ד״ר לעאפאלד קאהן האט אין העברעאישער שפראך געשילדערט די נוצען, וואס ברוידעס האט געבראכט דער העברעאישער ליטעראטור און דעם ציוניסטישען רעיון; ד״ר אהרן קאמינקא האט אויך געהאלטען א הספד אויף העברעאיש: אלכסנדר הויפמאן האט געשפראכען אין נאמען פון די יונגע וויענער ציוניסטען; רעדעקטאר יעקב קרויס אין נאמען פון דער יודישען „פאלקס־פארטיי פון עסטרייך“; דער לעצטער רעדנער ה׳ דוד ראטהבלום האט געשפראכען העברעאיש אין נאמען פון דער חברה „בר כוכבא“.

ראובן אשר ברוידעס איז געבוירען אין יאהר תרי״א כ׳ אלול אין ווילנא. שוין אלס קינד האט ער געוויזען צייכענס פון א גרויסען טאלענט, ביז 12 יאהר האט ער געלערנט חומש און באלד גמרא, ווי אלע קינדער פון יענעם דור. דערנאך האט ער אנגעהויבען לייענען השכלה־ביכלעך און אין אפאר יאהר שפעטער האט ער שוין אליין אנגעהויבען שרייבען מאמרים, וועלכע זענען געדרוקט געווארען אין „הלבנון“, וואס איז דענסטמאל ארויסגעגאנגען אין פאריז.

די מלחמה צווישען דער השכלה און דעם פאנאטיזם אין רוס־לאנד איז דענסטמאל געוועזען שטארק. גארדאן, סמאלענסקין און ליליענבלום האבען מלחמה געהאלטען מיט זייער שארפע פעדער נעגען דעם פאנאטיזם און דער יונגער ברוידעס, האט זיך באלד אין דער מלחמה אריינגעמישט און האט די גאנצע השכלה־מלחמה איבער־געגעבען מייסטערהאפט אין זיין ראמאן „הדת והחיים“, וועלכער איז ליידער נישט אין גאנצען געענדיגט געווארען. נאר פאר זיין דאזיגע גרויסארטיגע ווערק איז געדרוקט געווארען אין „השחר“, וועלכער פרץ סמאלענסקין האט אין וויען ארויסגעגעבען, זיין ערצעהלונג „מסתרי בית צפניה“. אין יאהר תרל״ה האט ער אין ווארשא אבגע־דרוקט זיין ערצעהלונג „מודה ועוזב“, נאר דאס האט אין פערגלייך צום „הדת והחיים“ קיין גרויסען רושם געמאכט. דער „הדת והחיים“ האט געמאכט א גרויסע ווירקונג אויף די יודען, וועלכע איז נאך היינט נישט פערשוואונדען, נישטא כמעט איין משכיל, וואס הויבט אן די נייע העברעאישע ליטעראטור צו שטודירען, וואס זאל נישט דעם „הדת והחיים“ לייענען.

דער „הדת והחיים“ איז צוערשט געדרוקט געווארען אין המשכים אין דעם זשורנאל „הבקר אור“, וועלכען ברוידעס האט רעדיגירט אין לעמבערג, צוזאמען מיט דעם משורר אברהם בער גאטלאבער ע״ה דריי יאהר.

אין יאהר תרמ״ה, בשעת עס האבען זיך אין רומעניע אנגע־הויבען די רדיפות, איז ברוידעס געפאהרען קיין בוקארעסט דארטען צו פערשפרייטען דעם רעיון פון קאלאניזירען ארץ ישראל. די רעגירונג האט איהם אבער באלד פון לאנד אויסגעוויזען.

ברוידעס האט אין יענער צייט זעהר פיעל געליטען, עס איז געווען צייטען, וואס עס האט איהם פשוט געפעהלט ברויט, נאר דאס האט איהם נישט אבגעהאלטען פון זיינע ליטערארישע ארבייט. צו יענער צייט האט ער ארויסגעגעבען זיין ראמאן „שתי הקצות“, וועלכער איז דער גרעסטער און לויט דעם מחבר׳ס איינענע מיינונג אויך דער בעסטער ראמאן זיינער.

ברוידעס האט געהערט צו דעם מין שרייבער, וועלכע האבען וואס צו **זאגען** זייער פאלק, דערפאר ווירקען זייערע ווערטער אזוי שטארק אויף די לעזער. ברוידעס אבער איז אזוי צונויפגעוואקסען מיט די געדאנקען און דעות פון דער השכלה־צייט, ער האט זיך אזוי איינגעלעבט מיט דער ערשטער „שטורם־עפאכע“ פון אונזער צייט, אז ער האט נישט געפונען קיין קראפט אריבער צו געהן אין די [illegible] אין דער צייט פון דער [illegible] האט אפילו אין זיינע ספורים און מאמרים געקעמפט פאר דעם ציוניסטישען רעיון, אבער ער האט דאך נית געהאט גענוג קראפט, אום צו שטעהען אין דער ערשטער שורה — און זיינע ארבייטען האבען שוין נית געקענט ווירקען ווי די ערשטע ארבייטען פון השכלה־צייט.

אין יאהר תרמ״ו האט ער ארויסגעגעבען א זאמלונג ספורים אונטער דעם נאמען „זקנים עם נערים“ און אין יאהר תרנ״א האט ער רעדיגירט דאס בלאט „הזמן“ 9 חדשים.

קליינע ספורים און מאמרים האט ברוידעס געשריעבען כמעט אין אלע יודישע צייטונגען. ער האט זיך אויך מיט אונזער זשארגאן נישט געשעמט, ער איז געוועזען רעדאקטאר פון דער זשארגאנישען „וועלט“, און אויך אין אונזערע צייטונגען זענען געדרוקט פון איהם איין בעלעטריסטישער ארטיקעל „אנ׳עבור יאהר“ און איין פובלי־ציסטישער „דער נאציאנאל־פאנד“.

ש—ג.

בריעף פון וועג.

פון שלום־עליכם.

(צווייטער בריעף).

(ענדע).

— תחילת, אז דער יונגער־מאן האט אנגעהויבען צו זינגען טוספים, האט דער גאנצער עולם פון דער קאיוטע זיך צו געהערט ווי ער דאוונט. די ווייציודען האבען איבערגעלאזט די בערלינעס מיט די בארזשעס אין מיט׳ן טייך; די מיהל־נערס האבען אויפגעהערט מאהלען מעהל אין קרעמענטשוג און טראנספארטירען קיין יעקאטעריגאסלאוו. די שניטקרעמער האבען גאר פערגעסען, אז אין פאלטאווע איז יריד און מע דארף צאהלען וועכסלען, און די וואיאזשארען, וואס האבען געשפיעלט אין פרע־פעראנס האבען „פערפאסט“ סאמע אין מיטען דער שפיעל. דער עולם האט שטארק הנאה געהאט פון ראזומניס דאוונען און פון פיני מינקאווסקי׳ס תכנת שבת׳ל; נאר קוגעל, זאגט מען, עסט זיך צו און קרעפלעך ווערען אויך נמאס. דער יונגער־מאן האט אזוי לאנג גע־דאוונט, ביז דעם עולם איז נמאס געווארען און מע האט אנגעהויבען

איטליכער געמען זיך צו זיין ארבייט: די ווייציודען האבען געגריזעט די בערלינער מיט די פארזשעס אין פערעיאסלאוו, אין פראחאראווקע און אין טשערקאס; די מיהלנערס האבען געמאהלען מעהל און געטראנספארטירט קיין יעקאטערינאסלאוו; די שניט-קרעמער האבען זיך דערמאהנט, אז מע דארף צאהלען וועכסלען, זענען זיי געפאהרען קיין פאלטאווע אויפ׳ן יריד; די וואיאזשארען האבען זיך גענומען צוריק צום פרעפעראנס, און איך האב איבערגעלאזט דעם יונגען-מאן אין מיטען א "יהי-רצון׳דיל" און בין ארויף פון אויבען אויפ׳ן דעק פונ׳ם שיף, און די שטילע ווארעמע נאכט האט מיך ארומגעהאפט קושען. די רעדער האבען געשניטען דאס וואסער און דער פאראחאד האט זיך לאנגזאם געגליטשט אויפ׳ן שפיגעל-גלאנצענדיגען דניעפר, וואס ציהט זיך ווי א שמאלע לאנגע בלויע סטענגע צווישען צוויי ברעגען. די ברעגען פון ביידע זייטען זענען ערטערווייז בעדעקט מיט גרינס און בעזעצט מיט נידעריגע א ביסעל אנגעבויגענע בוימער, און ערטערווייז נאקעט, שטיינערינ, ליימיג, אדער קריידיג, ס׳איז א ווארעמע, א שמעקענדיגע, א ליכטיגע זומער-נאכט, איינע פון די אויסגעצייכענטע זעלטענע נעכט, וואס לאזען ניט שלאפען, וואס ציהען אייך ביי דער נשמה, איהר זאלט קוקען אהין, אויבען ארויף אין הימעל אריין, פרעגען קשיות און נישט געפינען קיין תירוץ... און דארטען אויבען אין הימעל טהוט זיך עס אביסעל! די אלטע ווייסע לבנה האט זיך מטריח געוועזן ארויס-קומען זיך אפבאדען מיט איהרע זילבערנע שטראהלען אינ׳ם אלטען גרויסען דניעפר אין איינעם מיט א גאנצער חאליאסטרע בריליאנטענע שטערענדליך, זייער מאדנע קאלטע ליכטיגקייט האט זיך צונאסען ווי קוועק-זילבער איבער די שטילע חוואליעס, וואס געהען, שוועמען זיך פאוואלי, קוים קוים וואס זיי ריהרען זיך, ציהען זיך אויפ׳ן בויך, קאטשען זיך צו צום ברעג, צוקושען זיך מיט׳ן געלען פייכטען זאמד, בייגען זיך אויס, מאכען א מאדנעם באו בשלום צוריק, א מין רעווע-ראנס א זעלכען, ווערען פערשוואונדען און לאזען איבער איין ארט אויף דעם איבעריגען טראנספארט חוואליעס, וואס דארף באלד אנקומען. פערכישופ׳ט פון דער דאזיגער געטליכער נאכט זיץ איך אנגעבויגען אויף דער באנק, קוק אראפ אין וואסער אריין און זעה זיך דארטען מיט׳ן הימעל און מיט אלע זיינע הערשאפטען און איך ווער אפגע-ריסען אויף א ווייל פון דער ערד מיט אלעס וואס אויף איהר, און [illegible] איך [illegible] צונויפגעפסט? איז איינעם מיט׳ן ישית און מיט אלעס וואס ארום און ארום און עס דאכט זיך מיר אויס אז איך שוועב, עס טראגט מיך ווי א שפינדעל, ווי א פעדעריל פליה איך; איך בין לא בשמים ולא בארץ, נישט אויפ׳ן הימעל, נישט אויף דער ערד, אלא כמצליף, עס טראגט מיך אין דער לופטען. טראגט עס מיך, אין דער לופטען...

— איהר האט זיך פערקליבען אזש אהער? — רופט זיך אן צו מיר איינער פון די ווייציודען און זעצט זיך צו נעבען מיר אויפ׳ן באנק.

— וואס זאגט איהר אויף דער נאכט? — מאך איך צו איהם — געפעלט אייך די נאכט? געפעלט אייך דער הימעל?

— צו שטיל! — מאכט ער צו מיר און קראצט זיך אונטער׳ן קאלנער. — צו שטיל! ס׳זאל זיין א ווינטעל וואלט מען געקאנט טרייבען די כלים אראפוואסער, ס׳איז א צייט פון גריזען, ברויט ליגט, דער "אוראזשא" איז גרויס, נאר די פרייזען! די פרייזען!! . . . .

קארעספאנדענציעס.

קראקא.

די קראקאווער ארטאדאקסע ציוניסטען, האבען אין דעם ציוניסטישען בית המדרש "שערי-ציון" דעם שמחת-תורה געפייערט א שען נאציאנאלעס פעסט. זיי האבען געוויזען, אז נאר די ציוניסטען פערשטעהען א רעכט יודישען יום-טוב צו פייערען און איהם נייעם גייסט און לעבען צו געבען. שענע דרשות זענען געהאלטען געווארען פון די שריפטשטעלער און געלערענטע ה׳ יצחק ראובן אורנשטיין, ה׳ שמואל שפירא, ה׳ לוי בערגער, ה׳ מיכאל בערקאוויטש און אנדערע. דער שריפטשטעלער ה׳ שמעון מנחם לאזאר האט געהאלטען איין אויסגעצייכענטע העברעאישע רעדע. יונגלעך מיט דעם נאציאנאלען פאהן אין די הענד האבען דעקלאמירט העברעאישע נאציאנאלע ליעדער. דער עולם איז זעהר צופריעדען געוועזען און האבען געפיהלט א רעכטען טעם פון יום-טוב. א.

לאנדאן.

אין ענגלאנד עקסיסטירט זייט איינער צייט א "קעניגליכע קאמיסיאן", וועלכע בעשעפטיגט זיך מיט דער איינוואנדערונגס-פראגע. זי שטודירט די לאגע פון די איינגעוואנדערטע עמיגראנטען, זי פארשט נאך, ווי ווייט די פרעמדע ארבייטער שאדען אדער נוצען דעם היימישען ארבייטער א. ד. ג.

כמעט די גאנצע צייט פון איהר בעשטעהען האט זי זיך בעשעפטיגט בלויז מיט די איינגעוואנדערטע יודען. די גאנצע פראגע איז דא: צי דארף מען ארויסגעבען א געזעץ, וועלכעס זאל פערביעטען די ווייטערדיגע איינוואנדערונג?

די "קאמיסיאן" רופט פערשיעדענע עדות, וועלכע זענען בעקאנט מיט דער לאגע פון די יודישע ארבייטער אין לאנדאן און הערט אויס זייערע עצות. ווי ווייט די גאנצע "איינוואנדערונגס-פראגע" איז א ריינע יודישע פראגע איז דערפון ארויסצוזעהען, אז פאר דיעזער קאמיסיאן איז געקומען איין עדות פון א פרעמד לאנד — ד״ר הערצל.

פאר דיעזער "קאמיסיאן" זענען שוין זעהר פיעל עדות גע-וועזען פון די מיטגליעדער פון דער "בריטיש-ברידער-ליגא". דיעזע "ברידער" זענען בעקאנטע ענגלישע אנטיסעמיטען.

אין זייער "עדות"-זאגען האבען זיי זיך ניט געפוילט די יודען צו בעשמוצען ווי ווייט מעגליך. אלערליי נידערטרעכטיגקייטען אויף דאס יודישע פאלק בכלל און אויף די פרעמדע יודען אין לאנדאן בפרט האבען זיי אויסגעטראכט. זיי האבען זיך מיט׳ן "עדות-זאגען" ניט בעגנוגט. זיי האבען די צייטונגען, וועלכע ערשיינען אין איסט פון לאנדאן אונטער זייער מאכט און זיי האלטען דארט אין איין שימפפען און זידלען די יודען. זיי האלטען אב שרעקליך גרויסע פאלקס-פערזאמלונגען און פיעלע רעדען, האלטען אין איין בעווייזען, אז דער יוד איז די איינציגע אורזאכע וואס א מהייל ענגלענדער געפינען ניט ארבייט, אז דער יוד איז די נידריגסטע בריאה אויף דער וועלט.

די יודען פון איסט-לאנדאן האבען דאס אלעס געוואוסט און שטיל אראפגעשלונגען. די רייכע יודען פון וועסט-לאנדאן, די סיר׳ס מיט די לארדען מיט די רבני׳שע גלחים צוזאמען האבען געוויס זיך געבייזערט — אין שלאף-קאבינעט.

פראטעסטירען האט קיינער ניט געוואגט! אין פרייען ענגלאנד איז מען געוואנט, אז דאס פאלק זאגט ארויס זיין מיינונג דורך פּאטעס-פערזאמלונגען א. ד. ג. אונזערע יודען האבען אבער געשוויגען און האבען דערמיט ווי מודה געוועזען אויף אלע זאכען וואס מע האט אויף זיי אויסגעטראכט.

פלוצלינג ווערד עס אנדערש.

אין פיעל גאסען ווערען אויפגעקלעבט שרעק-גרויסע בילס (אפישען), ווי עס ווערד ערקלעהרט אז אם זונטאג דען 14-טען סעפּ-טעמבער אום 6 אוהר וועט זיין אין זאל "וואונדערלאנד" א גרויסע פערזאמלונג פון די איסט-ענדער יודען און מען וועט רעדען וועגען "די יודען-פראגע און די איינוואנדערונגס-פראגע". כמעט אלע רעדנער און רעדנערקעס, וואס זענען געוועזען אויסגערעכענט, זענען געוועזען ענגלישע קריסטען, בעקאנטע נעמען אין דער ארבייטער-וועלט.

6 אוהר איז שוין דער זאל געוועזען איבערפילט, די טהירען זענען געוועזען פערשלאסען און הונדערטער מענשען — אויב ניט טויזענדער — האבען געמוזט צוריק אהיים געהען, ווייל עס איז פאר זיי קיין פלאץ נישט געוועזען.

וויפיעל מענשען עס זענען געוועזען אינוועניג איז שווער צו זאגען. מען זאגט 4—3 טויזענד. דער זאל דיענט תמיד פאר א מענשען-צירקוס (ווי מענשען שלאגען זיך אויף געוועט) און איז אזוי געבויעט, אז עס קענען אריין זעהר פיעל. ניט נאר אלע פלעצער זענען געוועזען בעזעצט, נאר אויך די וועגד זענען געוועזען בעהאנגען מיט מענשען. אויסער אפאר ציוניסטישע פערזאמלונגען, ווען הערצל האט גערעדט, איז אין לאנדאן שוין לאנג ניט געוועזען אזא גרויסע יודישע פערזאמלונג.

ווער עס האט א קוק געטהון אויף דיעזע מאסע מענשען האט געזעהען, אז אין זייער פעראייניגונג שטעקט א געוואלדיגע קראפט. און דאס ווייזט אויס האבען געפיהלט די ענגלישע ארבייטער-פיהרער. זיי האבען מיט היץ נאכגעוויזען, אז די יודישע ארבייטער מוזען זיך פעראייניגען מיט די ענגלישע, כדי פאר א בעסערען לעבען צו קעמפפען. מען האט פראטעסטירט געגען די ליגענד פון דער "ברידער-ליגא" און נאכגעוויזען, אז דער יודישער ארבייטער זעצט ניט אראב די פרייז פון דער ארבייט: פערקעהרט, דער יוד פערדיענט מעהר פונ׳ם ענגלענדער, ווייל ער ארבייט מעהר.

די בעגייסטערונג איז געוועזען זעהר גרויס.

צו דער זאך האט גערעדט איינער א יודישער ארבייטער-פיהרער און ציוניסט. ער ווענדעט זיך צום פובליקום מיט אזעלכע פראגען: "זענט איהר קיין ענגלאנד געקומען צוליעב די יודישע צדקה-חברות, וואס עקזיסטירען דא?" ניין! האט א דונער געטהון! "וואלט איהר ניט געוועזען פערבליעבען אין דער היים ווען איהר זאלט דארט געוועזען האבען די מעגליכקייט צו לעבען?" האט ער ווייטער געפרעגט. און פון אלע ווינקעלעך האט עס וויעדער "יא!" געדונערט.

דיעזער "ניין" און דיעזער "יא" זענען געקומען פון טויזענדער הערצער און די לופט איז א לאנגע צייט געוועזען בעוועגט פון דיעזע קליינינקע ווערטער.

די גאנצע גרויסע מאסע האט זיך דא ווי איין מענש צוזאמען-געשמאלצען און דיעזער איינער גרויסער שטארקער מאסען-מענש וואלט געוויס שרעקליך שטארק געוועזען, ווען ער זאל בלייבען אזוי צוזאמענגעשמאלצען פאר לענגערע צייטען...

ווי אויף יעדער גרויסער פאלקס-פערזאמלונג האט מען אויך די "רעזאלוציאנען" (ווינשע) אנגענומען: אז ערשטענס דארפען זיך אלע יודישע ארבייטער פעראייניגען און צווייטענס א פראטעסט געגען די "ברידער".

דער פראטעסט האט געוויס געהאט א ווערט, ניט אזוי נאך אויסען ווי נאך אינען. דער יוד האט זיך געפיהלט אפאר שעה אלס מענש. דער פראטעסט וואלט אבער געהאט א שטארקע און דויערענדע ווירקונג, ווען דער וואונש, אז די יודישע ארבייטער אין ענגלאנד דארפען זיך פעראייניגען, ווען דיעזער וואונש ווערד א פאקט.

לאמיר האפען אז עס וועט קומען דערצו.

בן-אדם.

די חברה "אחיעזר" אין ווארשא.

די חברה עקזיסטירט פאר מאלנא ערשט דאס צווייטע יאהר. נאר די גרינדער פון דער חברה, וואס זענען כמעט אלע מיטארבייטער פון פערשיעדענע געשעפטען, האבען באמת שוין פון לאנגע יאהרען זיך עוסק געוועזען מיט שטיצען פריקאשטשיקעס, און טאקי נאר בכדי צו קענען פרייער, בעסער ארבייטען אין דעם ענין, האבען זיי זיך בעמיהט און זעהר פיעל געארבייט צו בעקומען איין ערלויבניס אויף א פאר-מאלנא, פון דער רעגיערונג בעשטעטיגטע חברה.

דערנאך אבער, ווען די חברה איז בעשטעטיגט געווארען, זענען צו געקומען זעהר פיעל נייע חברים, וואס [illegible] פון דעם, וואס פריהער איז געוועזען און טענה׳ן, אז אויב די חברה האט תקנות, מוז זי זיך פיהרען נאך די תקנות און זיך בעשעפטיגען מיט אלע עניים, וואס קענען ברענגען הילף ארימע לייט אהן אונטערשיעד און נישט נאר פריקאשטשיקעס אליין. דורך די מיה פון די נייע חברים איז צוגענומען געווארען צו דער חברה די אבטהיילונג "עזרת יתומים".

אויף דער לעצטער אסיפה פון "אחיעזר" האבען די מנהיגים מודה געווען, אז די הילף, וואס אחיעזר גיט איז צו ווענעג. "דער דלות אין ווארשא איז אזוי שרעקליך גרויס, די ארימקייט און די צרות — האט ד״ר גאטליעב געזאגט — זענען אזוי אונגעהייער פיעל, אז אונזער שטיצע איז געוועזען, ווי א טראפ אין ים הגדול. מיר האבען זעהר ווענינ מיטעל צו אזוי פיעל אביונות׳קייט. מיר האבען אויך געגרינדעט ביי דער חברה איין אינפארמאציאנס-ביורא, וואס האט אין עטליכע חדשים געגעבען דרייסיג מענשען שטעלען. "עזרת יתומים" בעשעפ-טיגט זיך מיט 160 יתומים און 20 יתומות, פון וועלכע זי בעמיהט זיך צו מאכען גוטע בעלי-מלאכות און ארענטליכע, ניצליכע לייט. כדי צו וויסען ווער זענען די יתומים, וועלכע די חברה שטיצט, דערצעהלט דר. ג., אז עטליכע פון זי זענען געקומען דאנקען די חברה פאר איהר חסד און האבען געזאגט, אז מעהר ברויכען זיי שוין גאר גישט צו נעהמען פון דער חברה, ווארום זיי קענען שוין אליין פערדיענען, וואס זיי ברויכען. איין יתום האט געליטען הונגער ביי זיין מייסטער, בעת עס איז קיין ארבייט נישט געוועזען, און דער אפיעקון (אפוטרופס) פון דער חברה האט איהם געזאגט, אז ער זאל געהן צו איין אנדערען מייסטער.

— איך האב זיך זאט געגעסען ביי מיין מייסטער — האט דער יתום געענטפערט — ווען ער האט געהאט ארבייט און האט פער-דיענט, קען איך נישט אוועק געהן פון איהם היינט אין זיין נויט, ווען ער האט אליין נישט וואס צו עסען.

פון 79 שטיצונגען, וואס די חברה האט געגעבען דורכ׳ן יאהר, זענען 60 נישט העכער געוועזען ווי 10 רובל, 82 שטי-צונגען — ניט העכער ווי 8 רובל.

אין דער לעצטע צייט איז געווארען איינגעפיהרט נייע פונקטען אין די תקנות פון דער חברה:

1) די גבאים פון דער חברה זענען מחויב זיך צו בעמיהען צו

צוציהען צו זיך אינטעליגענטע בעלי-מלאכות, כדי מען זאל קענען וויסען, וואס מען האט צו טהון פאר בעלי-מלאכות.

2) די נכבאים זאלען זיך בעמיהען צו בעקומען איין ערלויבניש צו גרינדען איין אבענד-שולע פאר די יתומים.

3) צו בעטען ערלויבניס אויף סאכען בעלער, פארלעזונגען, א. ד. ג...

4) צו בעמיהען זיך כדי עס זאל בעשטעטיגט ווערען פון די רעגירונג איין הוספה צו די תקנות: אז די חברה זאל מעגען געבען הלוואות.

5) צו גרינדען א פאנד אויף צו שטיצען ארימע שילער.

עס שיינט אונז, אז כדי צו פערגרעסען די הכנסות פון דער חברה, אום זי זאל טאקי קענען ארימע לייט שטעלען אויף די פיס און דעם שרעקליכען דלות חאטש אביסיל קענען ארויסטרייבען פון אונזער ארים פאלק אין ווארשא, וואלט די חברה זיך געברויכט צו בעמיהען צו האבען צווישען די אנגעזעהענע מענשען מיט מעהר קלינגענדיגע געמען, מענשען, וואס זענען אין ווארשא אביסיל מעהר בעוואוסט... אין א חברה מיט אזוינע ברייטע תקנות, וואס ברויך אזוינע גרויסע קאפיטאלען, האט א נאמען א זעהר גרויסען ווערט...

עזריאל.

דער בוים.

(ערצעהלונג).

יענדע.

איין חסרון האט אבער דער בוים געהאט: עס האט אויף איהם "פירות" געוואקסען און דאס האט איהם געשאדט און חיים יענקלען.

וואלטען חאטש די "פירות" געראטהענע געווען, וואלט דאס אונגליק אפשר ניט אזוי גרויס געווען. חיים יענקיל וואלט זיך "מרבה הוצאה" געווען און וואלט געזעהן, אז דער בוים זאל ניט שטעהן אין א "רשות הרבים" ער וואלט איהם ארום געצוימט, צי ער וואלט איהם פערדינגען זעליג דעם "סאדאווניק", און יענער וואלט זיך שוין איין עצה געגעבען, ווי אזוי צו פערהיטען איהם פון שלעכטע הענד.

האט אבער אויפ'ן בוים געוואקסען נאר ווילדע עפעלעך. עסען האט מען זיי ערשט געקענט שפעט אין ווינטער, ווען זיי ווע-רטן, ליעגנדיג אויס'ן בוידעם, שמארק איבערפרירין, אפילו דאמאלס איז אויך אויף שונא'ים געזאגט זייער טעם, וואס זיי האבען. די גאנצע מעלה פון די עפעלעך, וואס זיי זענען א רפואה צו "טשאד" און פריידע, חיים יענקילס ווייב, פלעגט טאקי מיט די דאזיגע עפעלעך אבראטעווען דאס גאנצע געזינד, ווען מען פלעגט ווינטער-צייט פון די פרעסלעך די קעפ פערטשאדען...

די גאס-יונגלעך אבער האבען נישט געקוקט, וואס די עפעלעך זענען ווילדע. זייערע געלד זענען זיי ווערטה געווען... ווארטען ביז די עפעלעך וועלען איבערפריהרען אויפ'ן בוידעם, זענען זיי דערויף צו היציג געווען, פאר "טשאד" האבען זיי אויך קיין מורא ניט געהאט, און דעריבער, ווי עס פלעגט קומען אנהויב אלול און די עפעלעך פלעגען בעקומען א געהעריגע צורה, פלעגען זיי יעדען "נאכמיטאג", יעדען "בין מנחה למעריב" בעלעגערען דעם בוים, ווארפען אויף די שפיצען צווייגען, וואו די עפעלעך האבען געדיכט געוואקסען, מיט העלצער, שטיינער און מיט געראיש און געפילדער פלעגען זיי אנ-לעגען פולע קעשענעס מיט "רויב"...

דערזעהענדיג די מחנה קינדער ביי'ן בוים פלעגט חיים יענקלען אנהויבען ציטערן הענד און פיס, ער פלעגט ווי איין אבגעבריהטער ארויסלויפען פון שטוב, אראבווארפענדיג די שמיקעל ארבייט פון דער האנד אויף דער ערד, און פלעגט ברומען:

— שקצים, וואס ווילט איהר פון בוים, איך וועל אייך ממית זיין! אוועקט!!

די גאס-יונגלעך פלעגען זיך לכתחילה דערשרעקען און מיט א געפילדערי און סייסעריי זיך לאזען אנטלויפען. אין א ווייל ארום, אז זיי פלעגען בעמערקען, אז חיים יענקיל איז צוריק אין שטוב אריין, פלעגען זיי זיך ווידער צוזאמען קומען און מיט מעהר פריש-קייט זיך נעמען צום בוים...

און דאמאלס פלעגט זיך אנהויבען א מלחמה אויף לעבען און טויט. חיים יענקיל פלעגט שוין אנהויבען געברויכען "כלי זין" און מיט א שטעקען פלעגט ער זיך לאזען לויפען ווי א ווילדער טיגער נאך דער מחנה יונגלעך; די יונגלעך פלעגען מיט א געלעכטער זיך לאזען אנטלויפען, און ווידער קומען צו לויפען...

א מאל פלעגט חיים יענקלען די געדולד פלאצען און ער פלעגט זיך לאזען לויפען ווייט, ווייט נאך די יונגלעך. דאמאלס פלעגט ווערען אין גאס א טומעל. יודען מיט בערד, ווייבער און קינדער פלעגען ארויסלויפען פון די הייזלעך, און דערשראקענהייט איינער דעם אנדערען פרעגען:

— וואס איז דאס? הא?...

באלד אבער פלעגט זיך דער טומעל ערקלערען און איינער דעם אנדערען פלעגט בערוהיגען:

— גאר נישט, גאר נישט! חיים יענקיל דער שניידעריק יאגט זיך נאך די יונגלעך... א שניידורע אביסעל! פרעג וואס זשאלעוועט ער זיי די עפעלעך? מעהר ווי בזיכוועהטיג האט מען פון זיי ניט.

דערהערענדיג אזא מאוס'ע מיינונג וועגען זיינע עפעלעך פלעגט חיים יענקיל נאך מעהר צערייצט ווערען און פאר כעס פלעגט ער חאפען א יונגעל און געבען איהם א קלאפ.

— אוי — אוי —! פלעגט זיך דאס יונגיל הויך צעוויינען — פאר וואס שלאגט ער מיר? איך האב גאר ניט געריסען...

— בתיה! מען האט אייער יונגעל געהרג'עט! פלעגט א שכנה אנזאגען פאר גוטע פריינדשאפט וועגען דער יונגעלס מוטער.

— זאל אייך א דונער איינשלאגען! פלעגען זיך די מוטער אננעמען פאר איהר קינד — וואס שלאגט איהר עפיס מיין קינד. איהר גיט איהם עסען? זאלען אייך ווערים עסען! הען-אביסעל? ער האט א שמיקעל בוים מיט סם-המות'דיגע עפעלעך קאכט די גאס!...

און אויף חיים יענקלען פלעגט די גאנצע גאס אנפאלען און יעדער פלעגט איהם זידלען און מאכען צו גלייך מיט דער בלאטע. און "געזעצטע" "בעלי-בתים" פלעגען איהם גאר זאגען ווייכען מוסר:

— זאגט אליין, ווי שעמט זיך דאס ניט א יוד מיט א בארד, צו האבען אין זינען אזעלכע נארישקייט: בוים, שמוים! דאס פאסט פאר א גוי, ניט פאר א יודען... קינדער — זיי רייסען, זאלען זיי רייסען! עס האט עפיס א ווערדע די עפעלעך, פע חלשות!

— מיר ארט ניט די עפעלעך — פלעגט חיים יענקיל ענטווערן, ווי מיט א וויינענדען קול — דעם בוים קאלעטשען זיי מיר, די צווייגען צעברעכען זיי...

— צווייגען — שמייגען! — פלעגען די געזעצטע בעלי בתים ווידער אנהויבען מוסר'ן, — גו, זאגט אליין, זענט איהר ניט ערגער פאר די קינדער? א געשעפט האט איהר! אט געהט אהיים און נעמט זיך צו דער ארבייט! פע, חלשות! א ייד מיט א בארד!...

און חיים יענקיל פלעגט זיך נאך אזא מוסר סיהלען, ווי א קינד נאך איין אבגעטהוענער נארישקייט. ער פלעגט פערשעמט א קוק טהון אויף דעם "מוסר-זאגער", דערנאך אויף דער אייגענער בארד, נאריש א שמייכעל טהון און זיך לאזען צוריק אהיים געהן.

צוקומענדיג נאך אזא מעשה צום שטיבעל פלעגט זיך חיים יענקיל שטעלען ביי'ן בוים. אויף דער ערד געבען בוים פלעגען זיך וואלגערען שטיקלעך אבגעבראכענע צווייגעלעך, אין דער הויך, אויפ'ן שפיץ בוים, זענען אפאר צווייגען געהאנגען איבערגעבראכענע און האבען אויסגעזעהן ווי הרוגים. חיים יענקיל פלעגט קוקען אויף די צעבראכענע צווייגעלעך אויף דער ערד, אויפ'ן בוים, קוקען, זיפצען און מיט א געקלעמטען הארצען אין שטוב אריין געהן...

אזוי פלעגט יעדער אלול ביז א שטיק אין הערבסט רוישען די גאס און דער איינציגער בוים האט אין גאס א סך לעבען געבראכט...

עס זענען אזוי איבערגעלאפען א צעהנדליג יאהר.

און די צעהן יאהר האבען אפאר סמנים געלאזען אין דער גאס: די "חרבה" איז צעלעגט געווארען, לויט דעם בעפעהל פון א נייעם פריסטאוו, וואס האט געזאגט, אז אזוינע חרבות טארען "פא זאקאנו" ניט שטעהן; טוביה דער גמרא-מלמד האט זיך איינמאל שטארק פערנאנדער געהוסט, ניט געקענט חאפען דעם אטהעם און איז אוועקגעשטארבען; זרח דער נגיד האט געוואלט ווערען א גביר, האט געקויפט דריי הונדערט פוד טרוקענע יאגדעס און האט עס גע-האלטען אויף "ספעקוליאציע", האט צוגעלעגט זיין אייגענס און האט נאך פערנומען א 25-גער פרעמדע געלד און איז איין ארימאן געווארען.

און דער בוים אין גאס איז נאך אלץ געשטאנען און אם הערבסט, ווען דער ווינד פלעגט בלאזען און די צווייגען פלעגען טרויריג רוישען, פלעגט חיים יענקיל אלץ אונטערברומען דעם זעלבען ניגון מיט די זעלביגע ווערטער פון "קינות":

אז בהלך ירמיהו
על קברי אבות.

זומער אין א לעדיגער צייט פלעגט ער נאך אלץ ליעגען אונ-טער'ן בוים און טראכטען וועגען עפיס העכערס פון שער און אייזען... אלול-צייט פלעגט ער אלץ האבען צו טהון מיט די חדר-יונגלעך, וואס פלעגען קומען בעלעגערען דעם בוים און די גאס פלעגט אלץ רוישען און קאכען: עפעלעך, בוים, חיים יענקיל!...

* *

עס זענען אוועק נאך עטליכע יאהר.

אויף טוביה דעם מלמד'ס מצבה זענען שוין א פאר ווערטער אבגעמעקט געווארען; זרח דער נגיד איז שוין אין גאנצען איין אביון געווארען. פריידע, חיים יענקילס ווייב איז געשטארבען, חיים יענקיל איז שוין ווייס געווארען און דער בוים איז נאך אלץ געשטאנען...

דער בוים איז שוין אבער אויך ניט דער זעלבער געווען.

— עפיס ווייס איך ניט וואס מיט'ן בוים איז געווארען? — פלעגט זיך חיים יענקיל וועלען אמאל אויסרעדען דאס הארץ פאר עמיצען. עפיס איז ער ווי איינגעבויגענער געווארען, שיטערער די צווייגען און איז גאר ניט דער, וואס אמאל.

נאר קיינער פלעגט איהם ניט ענטווערען: — א נארישער שניידער! — האט אלץ איין עסק מיט'ן בוים, ער שמעקט דאכט זיך שוין מיט "קברות-בלעטלעך", האלט ער בעסער תהלים זאגען, עפיס אנגרייטען!

און חיים יענקיל האט מיט זיינע מאטע אויגען, מיט א גע-קלעמט הארץ געקוקט, ווי דער איינציגער בוים אין גאס שמארבט אב צוזאמען מיט איהם...

— די קינדער האבען איהם אוועק געהרג'עט! פלעגט ער וויינען אין דער שטיל — דער בוים דארט, ער שטארבט אב...

און חיים יענקיל האט זיך דערמאנט אן טוביה עליו השלום'ס ווערטער: כי האדם עץ השדה...

— א למדן א יוד געווען; א שאד, וואס ער איז געשטארבען... פלעגט חיים יענקיל זיפצען אין אזוינע מינוטען, פלעגט זיך אנלעהנען אן פענסטער, צוהערען זיך, ווי דער בוים רוישט קוים מיט זיינע עט-ליכע איבערגעבליעבענע צווייגען און חיים יענקיל פלעגט אריינ-פאלען אין א שווערער מרה-שחורה...

אברהם רייזען.

רודאלף ווירהאוו.

יענדע.

ערשט אז ווירהאוו איז געצוואונגען געווען איבער צו געהן פון בערלין אין ווירצבורגער אוניווערזיטעט אלס פראפעסאר, האט זיך אנגעהויבען זיין גרויסע גאונ'שע ארבייט. פון וועלכער יעדע אנגע-שריבענע שורה איז געווען א פונדאמענט-שטיין פון דער חכמת הרפואה. זיין בעריהמטעס ווערק איז ארויס אים יאהר 1855 אונטער דעם נאמען "צעלען-פאטהאלאגיע" (פאטהאלאגיע הייסט די וויסענשאפט וועגען קראנקהייטען). אין דעם בעריהמטען ווערק געפינען זיך 2 נייע גרונדגעדאנקען, וואס יעדער פאר זיך וואלט געווען ביכלת אונשטער-בליך צו מאכען זיין ערפינדער. דער ערשטער געדאנק איז נישט נאר א מעדיצינישער, נאר איין אלגעמיין נאטור וויסענשאפטליכער' ער איז אויסגעשפראכען געווארען אין גאנצען אין 4 לאטיינישע ווערטער: "Omnes cellula e cellula" וועלכע בעדייטען, אז יעדע צעלע ווערד געבוירען פון איין אנדער צעלע. פונקט אזוי ווי די העכערע באשעפענישען קענען נישט אנדערש ערשיינען אויף דער וועלט נאר פון עלטערען, אזוי קומען אויך ארויס די צעלען, הן די חיה-צעלען און הן די צמחים-צעלען, פון אנדערע צעלען, נישט אזוי ווי מען האט פריער געמיינט, אז צעלען און אפילו אביסעל העכערע באשעפעניש, קענען ארויס קומען פון נישט לעבעדיגע זאכען. דער צווייטער געדאנק זאגט, אז די סבה פון יעדער קראנקהייט אין ארגאניזם ליעגט אין דער פערענדערטער לעבענסארבייט פון דער צעלע. פשוט'ער געזאגט: דער ארגאניזם איז קראנק, ווייל זיינע צעלען, וואס זענען זיין פונדאמענט, זענען קראנק. דיעזער געדאנק, ווי פשוט ער איז, אזוי גרויס איז ער; ערשט זינט ער איז ארויסגעזאגט געווארען, איז די מעדיצין געווארען א ווירקליכע וויסענשאפט און אלע צווייגען פון דער מעדיצין האבען זיך אנגעהויבען זעהר גיך ענטוויקלען. צוליעב דעם הייסט ווירהאוו "דער פאטער פון דער נייער מעדיצין", דאס הייסט, פון דער וויסענשאפטליכער מעדיצין.

אויך אין א סך אנדערע וויסענשאפטען, איז ווירהאוו גרויס געווען. אלע געלערנטע חברות האבען זיך געהאלטען פאר א כבוד צו האבען ווירהאוו צווישען זייערע עהרען-מיטגליעדער. ביי פיעלע פרא-פעסארען איז געווען א יום-טוב, אז מען האט אנגענומען זייערען איין ארטיקעל צו דרוקען אין "ווירהאוו'ס ארכיוו" (א מעדיצינישע צייטשריפט, וואס ווירהאוו האט ארויסגעגעבען), און די גאנצע ציוווי-

ליזירטע וועלט האט דעריבער גענומען איין אנטייל אין ווירחאוו'ס לויה דורך איהרע פארשטעהער.

ווי קומט דאס ארימע, אונוויסענדע פאלק צו ווירחאוו'ס לויה?

כדי צו פארענטווערען אט די שאלה, מוזען מיר זיך אומקעהרען צוריק. מיר האבען פריהער דערצעהלט, אז באלד ווי ווירחאוו איז געווארען פריוואט־דאצענט, האט איהם די רעגירונג געשיקט צו אונטערזוכען די טיפוס־עפידעמיע. ווירחאוו האט זיין אויפגאבע פערשטאנען פיעל ברייטער ווי די רעגירונג. ווירחאוו איז געווען א פריינד פון דעם ארעמען פאלק. שוין אין דעם ערשטען ארטיקעל פון זיין ארחיוו זאגט ער, אז „די דאקטוירים זענען די נאטירליכע פערטיידיגער פון די ארעמע מענשען". ווירחאוו'ס „מיטהיילונג וועגען די עפידעמיע" האט געמאכט זעהר א שטארקען איינדרוק אין גאנץ דייטשלאנד און איהם אויפגעהויבען אויף דער מדרגה פון א וויכטיגען פאליטישען מאן: „די סבה פון דער עפידעמיע, זאגט ווירחאוו אין זיין מיטהיילונג, ליעגט אין ארעמקייט, שמוץ און אונוויסענהייט פון דעם פאלק, און געגען דיעזע לעבענס־תנאים קען מען מיט רעצעפטען פון דער אפטהייק גאר גיט מאכען, ווען איהר ווילט נישט קיין עפידעמיעס, מוזט איהר געבען דעם פאלק בילדונג, פרייהייט און פרנסה". ווירחאוו האט נישט נאר געפאדערט פון אנדערע, אז מען זאל טהון פאר דאס פאלק, נאר ער אליין האט זיך אויך גענומען צו דער ארבייט און האט אנגעהויבען (מיט נאך איינעם) ארויסגעבען א ספעציעלען פאליטיש־מעדיצינישען זשורנאל, וואו ער פלעגט אלץ ווייזען, וואס די רעגירונג דארף טהון, אום געזונדער און גליקליכער צו מאכען דאס לעבען פון פאלק. די פריסישע רעגירונג האט צוגעמאכט דעם זשורנאל, און ווירחאוו אליין, ווי מיר האבען דערצעהלט, האט געמוזט אוועק פון פריסען נאך ווירצבורג. שפעטער אבער, ווי ער האט אבגעדרוקט זיין „צעלען־פאטהאלאגיע" און האט געקריגען דעם גרויסען נאמען, האט איהם די פריסישע רעגירונג צוריק גערופען קיין בערלין. אויך דארטען האט ער זיך נישט בענוגענט מיט קאבינעט־ארבייט, נאר ער האט געארבייט פאר דעם פאלק אויך. ער האט איינגעריכטעט און געלעזען לעקציעס פאר אונגעבילדעטע ארבייטער, וואס פלעגען פשוט איהם אויף די הענד טראגען; ער האט רעדאקטירט עטליכע הונדערט בראשורען און פיעלע לייכט פערשטענדליכע [illegible]. שפעטער איז ער געווארען א מיטגליעד פון דער שטאדט־פערוואלטונג (אופראווע) און נאך שפעטער (1862) א מיטגליעד פון פארלאמענט.

אין דער מלחמה פון 18[illegible]0 האט ער איינגעריכטעט סאניטער־ציגע, דאס הייסט, וואגאנען איבער צו פיהרען מיט דער באהן די פערוואונדעטע אין ערטער וואס זענען ווייט פון דעם מלחמה־פלאץ. דורך דעם האט ער פערהיט, אז עס זאלען זיך נישט אנזאמלען פיעל פערוואונדעטע אויף איין ארט און עס זאל נישט אויסברעכען קיין עפידעמיע. אלס פיהרער פון דער פרייזיניגער פארטיי אין פארלאמענט איז ווירחאוו געווען א געגנער פון ביסמארק, דער פיינד פון דער ליבעראלער פארטיי. איין מאל איז געקומען צווישען ווירחאוו און ביסמארק צו אזא גרויסע מחלוקת. אז זיי האבען זיך ארויס גערופען אויף א „דועל", ווייל איינער דעם אנדערן האט בעליידיגט. אין דעם אויגענבליק, אז די געגנער האבען זיך שוין געזאלט שטעלען איינער א קעגען דעם אנדערען, האבען די סעקונדאנטען (עדות) פון ביידע צדדים געזאגט, אז זיי ווילען נישט צו לאזען, אז דאס לאנד זאל פערלירען אזוינע וויכטיגע מענשען; און ווי באלד עס מוז שוין זיין א דועל, ווילען זיי, די עדות, שטעלען זיך אין דועל, כדי זיי זאלען בעסער געהרג'ט ווערען איידער ווירחאוו אדער ביסמארק. און פון דועל איז נישט געווארען.

ווירחאוו איז געווען איינער פון די גרעסטע געגנער פון אנטי־סעמיטיזמוס און האט נישט איין מאל ערקלערט, אז דער אנטיסעמיטיזמוס איז שעדליך פאר דעם לאנד און אז אויף דער רעגירונג ליעגט א חוב, מלחמה צו האלטען מיט די שעדליכע קראנקהייט פון אנטיסעמיטיזמוס. בשעת די אנטיסעמיטען האבען געהאט צו טהון מיט דער שחיטה־פראגע און האבען פערלאנגט, מען זאל אסר'ן שחיטה, כלומר'שט מחמת „צער בעלי חיים"; אבער באמת האבען זיי געוואלט דורך דעם ארויס רייסען פון יודען די פלייש־שפייזען, דאמאלס האט זיך ווירחאוו אנגענומען פאר יודען און אין זיינעם א בריעף צו א דייטשען רב, ד"ר קייזערלינג, האט ער מודיע געווען, אז עס איז גאר ניט אמת, וואס מען בעטראכט שחיטה פאר איין אכזר'ישע מיתה. אדרבה, שחיטה איז געמאכט געווארען, בכדי די בהמה זאל האבען ווייניג צער בשעת איהר מיתה, און שחיטה איז טאקי דער בעסטער אופן צו טוידטען די בהמות. זיין מיינונג האט געמאכט דאמאלס א גרויסע ווירקונג.

מיר יודען האבען אויך גרויסע מענשען. אבער אזוינע גרויסע מענשען ווי ווירחאוו האבען מיר כמעט גישט און מיר קענען נישט האבען, ווייל דער ביטערער גלות ליעגט גרויסע שטיינער אויף דעם וועג פון דעם יודען און ער קען זיך נישט צו שלאגען צו דעם שענעם, ליכטיגען וועג פון גאונות. קוים איינער צווישען טויזענדער גאונים פון יודען קענען קומען צו דער מדרגה, אז ער זאל קענען דיענען דער וועלט מיט זיין גאונות. דעריבער איז ריכטיג, וואס מיר האבען געשטעלט אין אנפאנג די ווערטער: הזהרו בבני עניים, שמהם תצא תורה: זארגט פאר דעם ארימען אונגליקליכען יודישען פאלק, וועלען פון זיי ארויס קומען אזוינע גאונים, ווי דער אונשטערבליכער רודאלף ווירחאוו.

ד"ר מער. ט. הינדעס.

פראקטישע ידיעות.

אייער קאנסערווירען.

זעהר אפט געפינען מיר אין צייטונגען און זשורנאלען פערשיעדענע מיטלען צו קאנסערווירען אייער. שוין פיעלע צעהנדליגע יאהרען ווערען דעריבער אספות געמאכט; מען זוכט אלץ א זיכערען מיטעל ווי אזוי אייער פריש צו בעהאלטען אויף לענגערע צייט. און אין דעם אמת איז עס זעהר נייטהיג; ווייל אייער איז די בעסטע שפייז פאר מענשליכע נאהרונג. — אויף דער לעצטער אספה, וואס עס איז געווען אין מאסקווע היינטיגם יאהר, האט מען מודיע געווען 2 זיכערע מיטלען: 1) צו בעשמירען די אייער מיט וואזעלינע; 2) צו לעגען די אייער אין וואפנע (קאלך) וואסער. מען האט אויספראבירט אלערליי מיטלען און די צוויי זענען די בעסטע. נאך פערלויף פון 2 אדער 3 חדשים האט מען געזעהן אז די אייער זענען געבליבען פריש און גוט צום עסען.

איך בין מסופק, אויב די מיטלען וועלען נוצען פאר אייער־הענדלער; דען ווי איז עס מעגליך, אז א סוחר, וועלכער שיקט למשל קיין ענגלאנד גאנצע וואגאנען פעסער געפאקט מיט אייער, זאל בעשמירען אלע אייער מיט וואזעלינע? דער צווייטער מיטעל איז שוין אפילו בעסער פאר סוחרים, אבער סתם אין וואפנע־וואסער אליין איז ניט גוט, אזוי ווי איך וועל ערקלערען שפעטער.

דא וועל איך בעשרייבען 3 רעצעפטע, וועלכע וועלען געוויס נוצען די אייער־הענדלער און אויך פאר הויזליכען געברויך. נאר פאר אלעם מוז איך זאגען, אז די אייער, וועלכע מען וויל קאנסערווירען, דארפען זיין פרישע אייער, דען שלעכטע אייער העלפט שוין ניט קאנסערווירען. אום צו דערקענען דעם אונטערשייד פון פרישע און ניט פרישע אייער, איז שוין אלגעמיין בעוואוסט פון גאר אלטע צייטען, מיר געפינען זאגאר אין תלמוד דיזעלבע פראבע, וואס מען בענוצט נאך היינט ד"ה: אין א שיסעל וואסער שיט מען אריין עטליכע הויפען זאלץ און מען לייגט אריין די אייער; אויב זיי זענען פריש, לאזען זיי זיך אראב צום דעק, און אויב זיי זענען ניט פריש שווימען זיי ארויף פון אויבען.

אום מעהר צו בעקאנט ווערען מיט דער זאך, דארף מען וויסען פון וואס די איי איז בעשאפען און דאס וועל איך אויך ערקלערען אין קורצען: די איי־שאלעכץ איז אזא מין הארטער קאלך, וועלכע איז דורכאוים אין „פארען" בעשאפען, דאס הייסט: קליינע לעכאליך, וועלכע אונזער אויג קען זיי ניט זעהן, נאר דורך א מיקראסקאפ זעהט מען זיי גוט. איגוועניג די ווייסיל מיט דער געלכיל איז איין מישונג פון פערשיעדענע מאטריאלען, דער פאלגענדער אנאליז ווייזט אונז, וואס אין דער איי געפינט זיך:

הינער אייער		
קאהלענשטאף,	פראצענט	52,25
וואסערשטאף,	"	6,90
שטיקשטאף,	"	15,25
זויער שטאף,	"	23,67
שוועבעל (סירקע).	"	1,93

די ערשטע פיער זענען אזעלכע מיני גאזען, און שוועבעל איז א מעטאל, ווען די איי געפינט זיך אין דעם זעלבינען צושטאנד, ד"ה די אלע פינף מאטריאלען זענען ריכטיג דא אין איהר אזוי ווי מיר האבען בערעכענט אין דעם אנאליז; דאן איז זי פריש, געשמאק, אבער ווען זי ליגט א לענגערע צייט אין פרייער לופט, אזוי ווערבט זיך אוים די גאזען *), ד"ה זיי קריכען ארויס פון די „פארען" (לעכעליך) און דורך די זעלבינע „פארען" קריכט אריין אינוועניג „זויערשטאף". דאס איז א בעוואוסטער מזיק; ער פרעסט אויף אייזען, ער מאכט זויער ווין און ביער, אויך אייער פערדארבט ער. בכן, דארף מען זוכען א מיטעל פטור צו ווערען פון דעם שטילען מחבל. ערשטער רעצעפט (פיר הויזליכעם געברויך): מען קויפט אין אפאטהעקער־מאגאזין 50 גראם סאליצהיל־זיירע און לעגט עס אין א גלאזירטען שיסעל, מען בעגיסט אויף דעם סאליצהיל אביסיל שטארקען שפירט ביז עס צוגעהט די סאליציהיל. נאכדעם גיסט מען דארויף איין קווארט וואסער, אין דעם וואסער לעגט מען די אייער אויף

*) מאנכע אייער־הענדלער לייגען די אייער אין פעסער האבער, צוואר זענען די אייער גוט צום עסען, אבער די סוחרים האבען בעמערקט, אז אין משך פון 2 חדשים ווערען זיי פיעל גרינגער אין וואג; די סיבה פערשטעהן מיר שוין יעצט; דאס איז ווייל די גאזען געהען ארוים פון די פארען.

א שעה צייט מען נעמט ארוים די אייער און ווישט זיי אב מיט א האנדטוך און פאקט זיי אין א קאסטען, וואס איז אנגעפילט מיט צעריבענע שטרוי.

יענדע קומט.

כ. קאנטנאוויטש.

א בריעף אין רעדאקציע.

אין דער צייטונג „יוד" איז מיין רעפעראט אויף דער מינסקער אסיפה איבערגעגעבען געווארען אין איינינע ערטער מיט אזעלכע פעהלערן, וועלכע אנדערשען איבער דעם געדאנק פון מיין רעפע־ראט. איך בעט דעריבער צו האלטען פאר ריכטיג נאר דעם בעריכט אין „פאלקס־צייטונג" און אויך מיין רעפעראט, וואס וועט אין גיכען ערשיינען גאנץ אהן אבקירצונגען.

ד"ר חיים דוב הורוויץ.

בריעף־קאסטען פון די רעדאקציאן.

ה' שר"א: אויף די אדרעסע פון אונזער רעדאקציע.

עס וועלען נישט געדרוקט ווערען:

דער ונתנה תוקף (ש. וו.) דער נייער שפינוזה (צ. ז—ן); קומט, ברידער, זיך ליעבען; א נערים פון ציון, אין וואלד אריין (ש. מ—ע); וואו נעהמט מען א חתן? (מ. ק—י); הרי את (ב. וו—י.); דער אונגליקליכער (שיר) (ד. ג—וו); א טעות (ר"י ה—ק).

נדבות

(דורך דער אדמיניסטראציאן „יודישע פאלקסצייטונג" קראקא).

את כל ידידי שברכוני ושלא ברכוני לראש השנה ולחג הסוכות הזה הנני מברך בשנה טובה ומוצלחה ונדבתי א' רו"כ לטובת הפונד הלאומי.

ד"ר מער. ט. הינדעס.

N. נדב 10 ק"כ לטובת הפונד הלאומי.

[illegible] ערלויבניש

פון דער ביאליכ[illegible] [illegible]ייער הילפע אין א שוט־פאל נעהמט צו חברים פון פ[illegible] גלויבענס און קלאסען פון 2 ביז דעם זיינער ביי טאג. יעדער ווער עס וויל זיך פערשרייבען קען אנגעבע דורך א בריעף זיין אדרעס. (68)

Бернардъ, Брауманъ, Варшава, Вспульная 53, кв. 20.

יצאו לאור זה עתה

מאת מיכה יוסף ברדיטצבסקי

ב„הוצאת צעירים" ספר

דין ודברים (עשרה מאמרות)

א) „חקוי או רמאות", ב) שני כתובים, ג) במחנה השנית, ד) שפוט השופטים, ה) מבית ומח־ץ, ו) הרהורים, ז) חקירות, ח) שאלות, ט) לשאלת התרבות, י) לשאלת העבר.

מחירו עם המשלוח חצי רו"כ.

בהוצאת „תושיה" קובץ

משני עולמות (ספורים וציורים)

א) הכיור האחרון, ב) מדרך אל דרך, ג) ההפסקה, ד) מעל כסאו, ה) הבקור, ו) החברה, ז) שתי שנים ומחצה, ח) זו בצד זו.

מחירו בלי משלוח ארבעים קאפ'

(83) להשיג שניהם בהוצאת „תושיה" ווארשא. 3—1

וויכטיג פיר בוכהאנדלער,
ציוניסטישע פעראיינען, ביבליאטהעקען און לעהרער!

דער גרויסער ניי געאפענטער ביכהאנדלונג אין פערלאג

„איזראעליט" אין ווילנא

האט יעצט פארבערייטעט צום סעזאן איין גרויסען אויסוואהל פאן אללע העברעאישע אוצעבניקעס (ספרי חנוך ולמוד), אויך א גרויסען אויסוואהל פאן אללע העברעאישע און זשארגאנישע ביכער פיר ביבליאטהעקען, זא וויא אלטע, וועלכע עס זענען שוין לענגסט געדרוקט, זא אויך אללע נייעס, וועלכע זענען ערשיענען אין די לעצטע צייט אין רוססלאנד און אין אמעריקא.

פיר בוכהאנדלער, ציוניסטישע פעראיינען, ביבליאטהעקען און לעהרער גיט דיא בוכהאנדלונג, „איזראעליט" ארויס א פראצענט, וועלכע קיין בוכהאנדלונג האט ביז דאהער ניט געגעבען.

בעשטעללונגען ווערדען פינקטליך און שנעל אויסגעפיהרט.

יעדע בעשטעללונג פאדערט 10% האנדגעלד.

אדרעססע:

Книжный магазинъ

„ИЗРАИЛИТЪ" ВЪ ВИЛЬНѢ

Рудницкая ул. д. Шапиро.

4—1 (80)

וו. וויסאצקי עט קאמפ.

וויר ווארנען די געעהרטען קויפער אונ קאנזומענטען אונזערעס טהעע פאר פעלשונגען, וועלכע זיינט איינינער צייט בעזאנדערס היפיג פארקאממען. נור דער־יעניגע טהעע איזט פאן אונזערער פירמא, דעססען פאקכען אונזערע שוצמארקע — איין שיף (אקרענט) אונ אונזערע פאללע פירמא



וו. וויסאצקי עט קאמפ. מאסקווא

טראגען.

דיא אנדערען זינד פעלשונגען.

דיא געזעללשאפט פיר טהעהאנדעל

וו. וויסאצקי עט קאמפ.

ווארשאווער פיליאלע טלאמאצקא 12.

(76) (2—2)

שנוי מקום!

איך האב איבערגעטראגען מיין בוכהאנדלונג פון רימארסקא 3 אויף זלאטא־שטראססע 63 אונ מיינע אדרעססע איז:

Книжный магазинъ

Б. Шейнфинкеля

Варшава, Золотая ул. 63.

Buchhandlung

B. S. SCHEINFINKEL

Warschau, Zlotastr. 63

(62) (3—3)

!רעעלע בעהאנדלונג!

טוך עט קארט־נעשעפט, אינלאנדישע אונ אויסלאנדישע.

פריהער: **J. Asterblum, ‖ W, Lewi,**

WARSZAWA, Miodowa Nr. 19.

עמפפעהלט אין גרויסען אויסוואהל פריש אנבעקומענע מאדערנסטע וואארע

(49) !!! צו זעהר בילליגע פרייזען !!! 10—3

פאבריק פון קויטשוק־סטעמפלען

Л. Великсонъ, Рымарская 3, Варшава



פערפערטיגט אלע ארט קויטשוק־סטעמפלען פון פיינסטען אמעריקאנישען קויטשוק. אויך אלערארט מעטאל־סטעמפלען, אזוי אויך די פיינסטע מעססינג־שילדער צו טירען.

אלעס מיט בילינע פרייזען, ווי צום ביישפיעל:

מעססינג־שילדער צו טירען פיין גראווירט: נאמען אונ ביינאמען, שווארץ עמאלירט, פיין פאלירט, פרייז נור 1 רובל.

ניקעלנע טאשען־שרייבגעצייג, ענטהאלט שטאל־פעדער אונ בליישטיפט מיט צוויי סטעמפלען: (1 קויטשוק־סטעמפעל, נאמען אונ ביינאמען, 1 סטעמפעל צו לאק פון צוויי בוכשטאבען) פרייז נור 40 קאפ.

טאשען־קויטשוק־מאנאגראמס צום צייכנען אויף וועש, פאפיר א. ד. ג. צוזאמען מיט א קישעלע אונ שעכטעל צו טוש, פרייז נור 10 קאפ.

בעשטעלונגען אויף דער פראווינץ ווערדען רעעל אויסגעפיהרט אונ שנעל ארויסגעשיקט אויך פער נאכנאהמע.

עס ווערען געזוכט אגענטען אויף זעהר בעקוועמע קאנדיציעס.

פרייז־קוראנט ווירד ארויסגעשיקט פאר 21 קאפ' (3 פאסטמארקען), וועלכעס ווירד אבגעצויגען ביים ערשטען בעשטעלונג.

(52) 25—3

גראוויר אנשטאלט
אונ קלישע'ען

M. Oszer, Warszawa, Karmelicka 3

פערפערטיגט אלע ארטיסטישע ארבייטען אין דיעזער בראנזע צו זעהר בילינען פרייזען.

(61) 4—2

בעקאנטמאכונג

היערמיט מאכע איך בעקאנט דאס געעהרטע פובליקום, דאסס דער רענאמירטע זאאל

"נאווא־הארמאניא" גרזיבאוווסקא Nr. 11, טעלעפאן Nr. 1443

איז איבער געגאנגען אין מיין אייגענטהום אליין, דורך וועלכען איך ווערדע אימשטאנדע זיין אויסצופיהרען אלע פערלאנגען פון געעהרטען פובליקום אין בעסטער ארדנונג. דער זאל וועלכער ענטהאלט פ"עלע גרויסע הויכע צימער ווי: עסצימער, גרויסער טאנץ־זאל, בודוארען, רויך צימער, א. ד. ג. איז העכסט עלעגאנט אויפגעפוצט אונ פערזעהען מיט די שענסטע געשירע, וועלכעס מיר בעטען צו קאמען בעזעהען אויפ'ן ארט **גרזיבאוווסקא Nr. 11.**

מיין 25־יעהריגע פראקטיקע מאכט מיר דרייסט צו עמפפעהלען זיך דעם געעהרטען פובליקום ווי אין מיין אייגענעם זאאל אויך אין אנדערע, מיט מיינע אדער אייגענע געשירע, אין ווארשוי אויך אויף דער פראווינץ.

בעשטעלונגען פון דער פראווינץ זינד צו אדרעסירען:

А. Игалсонъ, Варшава, Грибная № 11.

טעלעגראם אדרעס:

6—4 Ново-Гармонія, Варшава. (48)

מעשענע שטעמפעל

שטאנצען צו זייף־ אונד אנדערע פאבריקאנטען.

גוט אונ בילליג.

А. МОКЪ, Варшава,

12. Купеческая 12.

נייעס!

דאטום־שטעמפעל מיט איינגעשטעלטע ציפערן צו 3 רובל. שיקע אויך פער נאכנאהמע.

(50) 5—5

מיטלען צום לעבען.

דיא אלע לעהרעס וועלכע איך לעהרען מאכען: **זייף** (אייניגע סארטען). ברענ־עהל, שוה־וואכס, וואגען־שמיר, לאקיער אונ נאך פערשיעדענע וויכטיגע אויסארבייטונגען האב איך צוזאממען־געשטעלט אין א בוך פיר פרייז 3 רובל אלע ארטיקלען. איך אנטווארטע אויף פראגעס אונד שיקע ראה־מאטעריאל לויט פערלאנג.

(75) (10—2)

И. М. МАТУЗОНЪ

Варшава, Милая ул. 17.

ספעציעללעס אנגרא לאגער

~ היזיגער, ~

רוססישער אונד אויסלענדישער

זייפע, פערפומעריא

אינד

קאסמעטיק

ספעציעלל פערקויף פון צייהן־בירשטען

S. [illegible]ERMANN

Warszawa, Nalewki Nr. 16.

(39) 16—5

גענען מערידען אונ פוקלעס!



אפאראט וועלכער היילט גרינדליך אהנע אפעראציע. פרייז 2 ר' 40 קאפ.

Д. МОШКОВСКІЙ Варшава, Налевки 37.

(55) (25—5)

פאריז בעריהמטער ראמאן פון
עמיל זאלא

298 זייטען, גרויס פארמאט, איבערזעטצט פון י. ח. זאגאראדסקי, איז ניי איבערגעדרוקט. פרייז מיט פארטא 90 קאפ

Книжный магазинъ и библіот.

А. Цукермана

(69) Варшава, Налевки № 7. 3—3

בחצי חנם

500 פאר שטיוועל

הערען־

אונ דאמען־שוהע

אייספערקויף

צו זעהר בילליגע פרייזען,

אויסגעזייכנעטע וואארע

שענע אויסארבייטונג

אין פאסאזש, נאלעווקי נר' 2 לאדען 13.

S. Warszawski.

(74) (2—4)

M. ШЕКМАНЪ Варшава Налевки 20.

י. שעכטער

פאבריק פון זילבער 84 פראב

ווארשא, רזיקא שטראססע № 10

מאגאזין נאלעווקי № 20

(44) 6—6

הוצאת „ישרון".

בימ"ס „ישרון" מלא וגדוש בכל הספרים החדשים שיצאו לאור מכל בתי הדפוס העברים וגם בספרים עתיקים יקרי הערך והמציאות. קונה ומוכר ספרים וביבליותיקות גדולות מכל מיני ספרים עברים. נכנס לרשות הוצאת „ישרון"

אלבום ארץ ישראל והמושבות

מאת ש. ראפאלאוויץ הזקס. פנין יקר [illegible] לא היה עוד בספרותנו.

שבעים וחמש ציורים ממראות הארץ וממקומות הקדושים וממושבות אחינו בארה"ק. ותולדות המושבות וראשית היסדותן.

כתוב הוא עברית ואשכנזית.

האלבום הזה ראוי הוא להיות בכל בית ישראל לנוי ולקשוט.

מחירו 3 רו"כ, בכריכה יפה 75 3 עם פורטה למו"ס ואגדות ציוניות הנחה הגונה.

Книгоиз. „Іешурунъ", Вильна

Verlag „Ieschurun" Wilno Russland.

(48) 25—11

קעפיר פראנקפורט

טוואַרדע 13 פיליע אין שווידער.

(64) פיר ארמע ביליגער. 3—3

חירורגישע אנשטאלט
ווארשא, מוראנאווסקא נר' 3.

אין דער ניי געעפענטער חירורגישער אנשטאלט אין ווארשא (מוראנאווסקא נומר 3) ווערען אנגענומען קראנקע אויף פערשיעדענע אפעראציאנען.

פרייז פער בעט, טאגליך, **מיט טיש אונ ארצטלי־כער בעהאנדלונג** פון 1 50 ר' אן, בעזונדערע צימער פון 2.50 ר' אן טאגליך. די אפעראציאנען ווערען אויס־געפיהרט דורך

דר. סאלאווייציק.

(56) 10—4

וויר מאכען אויפמערקזאם

אויף דען פריוואט **כירורגישען שפיטאל** פון ד"ר **בארעל** ווארשא מוראנאווסקא 14. אלע אפעראציא־נען ווערדען דורכגעפיהרט פאן ד"ר בארעל. אנגענומען ווערדען חירור־גישע קראנקע יעדען טאג פון 3—10 **פריוואט וואהנונג** דזיקא 3 פון 9—10 אונד 7—4.

(38) 26—7

פריילינען אונ דאמען

קענען זיך אויסלערנען גוט שניידען אונ נייהען אין א קורצע צייט דורך בריעף אין זשארגאן, רוסיש אונ דייטש. די מעטאדע איז די בעסטע אונ די גרינגסטע. אפילו 12 יעהריגע מעדכען קענען זיך גוט אויסלערנען. אויף תשובה א מארקע.

ניט זאמט אונ פרעגט אן ביי:

Г-жѣ Бертѣ Найдичъ, Варшава.

(25) 52—10

נור מיט עטליכע רובל

קאן יעדער מענש ביי זיך אויפ'ן ארט אגוטע פרנסה איינפיהרען. אבריפ"יכע ערקלערונג **חנם לכל דורש.**

אדרעס: **Я. Найдичъ, Варшава.**

(26) 52—10

ספעציעלע סעאנאטאריום פיר יודען
אין אטוואצק.

בעשטעטיגט פון מיניסטעריום

איינגעריכטעט מיט דער בעסטען ארדנונג אונד ערצטליכע בעהאנדלונג. קיכע **שטרענג כשר.** אונטער אויפזיכט ד"ר קאהאן, טווארדא 18 ווארשא. — בעשטענדיג אייגענע בעאויבאכטונג.

בעזיצער דעס סעגאטאריומס **פרזיגאדא.** (77) (3—2)

עס איז מיר נייטיג

גאלדארבייטער

וועלכע ארבייטען גאלאנטעריי ארבייט

Т. Фридманъ, Варшава

3—1 Милая 17, кв. 8. (78)

דיא יודישע קאלאניאל באנק „אקציאנס קלאב" הויפט קאנטאר בילטער בילדונגס לאנדאן איסט, סיטי,

Jewish Colonial Trust Share Club Head office

Billiter Buildings, London E. C.

אללע נאכפראגען פיר איינצעלהייטען געזעטצע, און רעגעלן זאללען אדרעסירט ווערען אויף דעם אביגען אדרעסע.

(24) 12—10

געפרייגטע עטיקעטען (Тисненные этикеты)

פיר גילזען־פאבריקען, פערשיעדענע מוסטערן, איז יעצט צו בעקומען ביי:

(72) Х. І. Герцманъ, Варшава Волынская № 4. (5—2)

היצאת

„איזראעליט"

ווילנא

הופיע עתה בהוצאה חדשה ספר הלמוד הידוע בשם

„המורה"

יורה דעת תורת לה"ק הלכה למעשה, עפ"י ספרי המדקדקים, היותר מפורסמים ומקובלים, וכמה הוספות והערות נכבדות, ובסופו מאמר אחד בשם „מי ינוח ומי ינוע", שימת עין על שטה אחת של שלשה מדקדקים מבטלי הנועה קלה, מאת ישעיה נפתלי הערץ גאַרדאַן, בתקונים והוספות רבות ועל ניר טוב.

מחירו 75 ק'. בעד מו"ס ראבאט הגון.

להשיגו על פי הכתבת:

Книжный магазинъ **„Израилитъ"**

Вильно Рудницкая ул. д. Шапиро.

גם אצל הוצאת „תושיה" בורשה.

3—1 (81)

פערשיעדענע האלז־שניטען (דזעווריטען)

פיר פרייז־קוראנטען פערפערטיגט.

(73) Х. І. Г. рцманъ, Варшава, Волынская № 4. 5—2

פאבריק פון טעדראדען, קאנטארסקע, נאטעס אונ פאפיראסען ביכלעך. סקלאד פון פאפיראסען פאפיער אונ מאשינקעס צו גילזען

С. И. Киперманъ, Варшава, Налевки № 37.

(60) מוסטערן זענדע גראטיס. 3—2

!!! ВНИМАНІЮ ДАМЪ !!!

Магазинъ модныхъ журналовъ и выкроекъ.

Подписка, продажа и высылка отдѣльныхъ нумеровъ **полученъ свѣжій транспортъ** разн. загран. альбомовъ модъ верхнихъ, нижн. и др. вещей на зимній сезонъ. На складѣ имѣется большой выборъ разныхъ **манекеновъ** (фигуръ).

(59) **Я. А. Пожарикъ, Варшава, Долгая № 43.** 3—3

Herausgeber Verlag »Volksbildung« — Verantwortlicher Redacteur Moses Deutscher, Krakau — Druck von S. L. Deutscher, Podgórze bei Krakau.